№ 7 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראָשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

Bibljoteka Jagiellońska
Kraków
św. Anny 19

טשענסטאכאווער צייטונג

[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]
[illegible]
אַלעע 6 — טעלעפאָן 201

[illegible]
[illegible]
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.
[illegible]

Piątek, d. 15 lutego 1935 — ליכט-צינדען 4.32 — פרייטאג פ' תצוה י"ב אדר א' תרצ"ה.

צו דער פערלאָבונג פון ה' **יוסף קרזאַק** וויעלון מיט פרל.
ליבע קאָרן שיעראדז ווינשען פיעל גליק און צופרידענהייט
יעקב אַנקלעוויטש און פאַמיליע וויעלון.

DR. MED.
ELJASZ WINER
N. MARJI PANNY № 6.
telefon 23-93.
przyjmuje w godz od 9—10½ i od 4 - 7.

די לאַנגיעהריגע פירמע פון
א. אָוויעטשקאַ
גאַרנצאַרסקאַ 23
מאכט בעקאַנט, אַז יעדען טאָג איז צו בעקומען
פרישע פוטער, קעז
אייגענע אויסאַרבייטונג, ווי אויך גוטע, פרישע מילך
מיט דער פולער פעטקייט
צו קאָנקורענץ-פרייזען.
הורט. דעטייל.

Poszukiwana
ekspedjentka
obeznana z branżą galanteryjną
Wiadomość w redakcji dla R.

Tańców: modnych, zwykłych
clou sezonu „CARIOCA" salonowa,
wyucza w kompletach, oddzielnie
baletm. K. KOSTECKI,
ul. Waszyngtona 6.
Zapisy na kursy codziennie od 10 rano
do 9 wiecz. Opłata niska.
פראַקטישע לעקציעס יעדען שבת פאַר יודישע
געזעלשאַפט אנהויב 8 אָווענד.
לעצטע מוזיק-שלאַגערס. צוגענגליכער אָפצאָל.

מיט גרויס צער און וועהטאָג שטעהען מיר ביים פרישען קבר פון אונזער אונפערגעסליכען און פריהצייטיג אוועקגעריסענעם חבר, פרעזעס פון אונזער צעך
חיים נחום קלינאָווסקי ז"ל
און מיר דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דער פעריתומ'טער פרוי און קינדער.
די פערוואַלטונג פון שניידער און היטעלמאַכער - צעך אין וויעלון.

טיעף געבויגען שטעהען מיר ביים קבר פון אונזער אונפערגעסליכען חבר, געוו. פרעזעס פון האנדוו.-פעראיין
חיים נחום קלינאָווסקי ז"ל
מיר דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל די אין טרויער-פערבליבענע פרוי און קינד.
האַנדוו.-פערוואַלטונגען פון פליישער-צעך שוסטער און שטעפער - צעך, בלעכער, מאַלער און טישלער-צעך אין וויעלון.

צוליעב דעם פריהצייטיגען טויט פון אונזער אונפערגעסליכען פריינד
חיים נחום קליגאָווסקי ז"ל
דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל די אין טיעפען טרויער פערבליבענע פאַמיליע.
הערש לייב שימאַנאָוויטש און פאַמיליע וויעלון.

צוליעב דעם פריהצייטיגען טויט פון אונזער אונפערגעסליכען פריינד און חבר
חיים נחום קליגאָווסקי ז"ל
דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל די אין טרויער פערבליבענער פאַמיליע.
משה יודקעוויטש, זקן בער ליפמאַנאָוויטש, יוסף איזשביצקי.

את גיסנו **איטשע ערליך ורעיתו** לחתונתה של בתם **תמר** עם ידידנו **זאב קרזפיצקי** הננו מאחלים להם שירוו מהם רוב נחת וחדוה.
שושנה וצבי וואָלמאַן, הינדא ושרגא סקרזיניא, יהושיע לאַפידעס ורעיתו.

בברכת מזל-טוב ורוב אושר לפקיד הבנק מר **זאב קרזפיצקי** לבואו בברית הנשואים את העלמה **תמר ערליך** מברך
השלטון והמועצה של הבנק קרדיטובי-לודובי בוילון.

אונזער טאָכטער און שוועסטער **תמר** צו איהר חתונה מיט ה' **וואָוואַ קרזעפיצקי** ווינשען מיר אַ גליקליך און צופרידען צוזאַמענלעבען, מען זאָל ביי זיי דערלעבען פיעל נחת און פרייד.
יצחק מאיר ערליך, פרוי און זוהן, וויעלון.

אונזער זוהן און ברודער **זאב** צו זיין חתונה מיט פרל. **תמר ערליך** ווינשען מיר פיעל גליק און צופרידענהייט, מען זאָל זעהען ביי זיי גרויס נחת:
עלטערן און געשוויסטער קרזעפיצקי.

אונזער געעהרטען מיטאַרבייטער ה' **זאב קרזעפיצקי** צו זיין חתונה מיט פרל. **תמר ערליך** ווינשען אַ האַרציגען מזל-טוב.
פערסאָנאַל פון באַנק קרעדיטאָווי לודאָווי אין וויעלון.

דעם ה' **זאב קרזעפיצקי** צו זיין חתונה מיט פרל. **תמר ערליך** ווינשען פיעל גליק און צופרידענהייט
פערוואַלטונג פון דער קאַסע „עזרה", וויעלון.

אונזער געשעפטס-פריינד **יצחק מאיר ערליך** און **פרוי** צו זייער חתונה פון זייער טאָכטער **תמר** מיט ה' **זאב קרזעפיצקי** ווינשען פיעל נחת און צופרידענהייט.
אייזיק כלאָפּק און פאַמיליע, דוד כלאָפּאַק און פרוי, אברהם משה כלאָפּאַק און פרוי, גדליה יאַקובאָוויטש און פרוי, וויעלון

אונזער קרוב און פריינד **זאב קרזעפיצקי** צו זיין חתונה מיט פרל. **תמר ערליך** ווינשען אַ גליקליך צוזאַמענלעבען
יעקב שאיא און פרוי, שמואל שאַיאַ און פרוי, דוד שאַיאַ און פרוי.

דעם ה' **זאב קרזעפיצקי**
צו זיין חתונה - פייערונג גראַטולירט
פייוועל זעליג זאַלצמאַן, וויעלון.

צו דער חתונה פון ה' **זאב קרזעפיצקי** מיט פרל. **תמר ערליך**
ווינשען פיעל גליק
רינג יהודה און פרוי, וויעלון.

מזל-טוב אייך **זאב** און **תמר**!
גליק און ערפאָלג אין אייער נייעם וועג!
יאַדזיא ראָזען, ישראל לעווקאָוויטש, יעקב קאָניאַרסקי, חיים דאָווידאָוויטש וויעלון.

אונזער שוואָגער און קרוב ה' **אברהם קרזעפיצקי** צו דער חתונה פון זיין זוהן **זאב** מיט פרל. **תמר ערליך** די גליקליכסטע וואונשען
לייב גראַבאָווסקי און פרוי, וויערושאָוו
יעקב אַנקלעוויטש און פרוי, וויעלון.

דעם ה' **זאב קרזעפיצקי** צו זיין חתונה מיט פרל. **תמר ערליך**
אַ האַרציגען מזל - טוב!
מרדכי זיידלער און פרוי, יעקב ראָזענבלום און פרוי
לייב יאַקובאָוויטש און פרוי.

אונזער שעף ה' **יצחק מאיר ערליך** און **פרוי** צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **תמר** מיט ה' **זאב קרזעפיצקי** ווינשען פיעל נחת און גליק.
זינדעל ליביצקי און פרוי
בענדעט קרזעפיצקי

דעם ה' **זאב קרזעפיצקי** און פרל. **תמר ערליך**
די גליקליכסטע וואונשען
סענדער סענדראָוויטש און פאַמיליע.

לידידנו **זאב קרזעפיצקי** לחג הנשואים שלו — ברכתנו הלבבית
יוסף שאיאַ ורעיתו, צבי שאיא.

אַ הערצליכען מזל-טוב צו דער האָכצייט פון ה' **וואָלף קרזעפיצקי**
זענדעט
רוזשא שאיא, גאָדל סענדעראָוויטש און פרוי.

אונזער קוזינע **תמר ערליך** צו איהר חתונה מיט ה' **זאב קרזעפיצקי**
ווינשען אַ גליקליך צוזאַמענלעבען
א. מאָרגענשטערן און פרוי, וויעלון.

A. PILGER, CZĘSTOCHOWA
ul. Piłsudskiego № 3. Telefon 23-22.
סקלאַד פון פאַפיר, שרייב-מאַטעריאַלען
פאַר ביוראָ און צייכנונגען
נעמט אָן אַלעראַרט דרוק - און איינבינדער - אַרבייט
צו זעהר ביליגע פרייזען.
שנעלע און סאָלידע בעדינונג.

קינאָ-טעאַטער **„לונא".**
פרייטאָג, ד. 15 ד.ח. 9 אָווענד — **שבת,** 3-30 און 9 אָווענד
טרעט-אויף אונזער גרויסע קינסטלערין
אידאַ קאַמינסקא
אין דער וועלט-בעריהמטער רעפּאַרטואַר פיעסע פון לעבען פון דער געניאַלער יודישער שפּיאָנין
„פרייליין-דאָקטאָר"
נייע אינסצעניזאַציע און רעזשי פון אידאַ קאַמינסקא.
עס נעמט אַנטייל אַן'אויסגעצייכענטער אַנסאַמבל.
אייגענע קאָסטיומען און דעקאָראַציעס. — בילעטען-פאָרפערקויף אין דרוק. פון ה' באָטשאַן.
בעמערקונג: א טייל פון דער הכנסה איז בעשטימט לטובת דער געז. „תומכי-עניים"

בברכת מזל-טוב חמה ולבבית אנו מברכים את יושב ראש הנכבד שלנו מר ר'
יוסף שמעון קובלינץ נ"י לרגלי נשואי בנו **יעקב**
יזכה לראות מהם רוב נחת
הועד והסתדרות „מזרחי",
הועד והסתדרות „תורה ועבודה" בצ'נסטחוב.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער מיטאַרבייטערין **מאַניאַ זאַלצמאַן** מיט ה'
יוסף געלבאַרד ווינשען מיר אַ האַרציגען מזל-טוב און אַ גליקליכע צוקונפט
באַלאַ ראָזענבערג, העלאַ נאַפּאַרסטעק און דאָראַ פייגע.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער פריינדין **מאַניע זאַלצמאַן** מיט ה'
יוסף געלבאַרד ווינשען מיר זיי אַ הערצליכען מזל-טוב און אַ גליקליכע צוקונפט
מאַניע מיפּאַלעוויטש, א"יה, יהוקאל שמולעוויטש טשענסטאכאוו.

את חברנו חבר הועד של ברית חצה"ר **יעקב דוידוביץ**
לעליתו **לארץ-ישראל**
הננו מברכים בסע לשלום. עבודתך תביא תועלת לנפשך, לעמנו ולארצנו.
ועד של ברית הצה"ר בוילון.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער קוזינע **פייגה אַבראַמאָוויטש** מיט ה' **פייוויש יאַקובאָוויטש** ווינשען אַ גליקליכע און הערליכע צוקונפט
פרץ גראַסמאַן און פרוי, דוד בער כלאָפּאַק, שאול אַבראַמאָוויטש, וויעלון.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער שוועסטער און קוזינע **פייגה אבראַמאָוויטש** מיט ה' **פייוויש יאַקובאָוויטש** ווינשען פיעל גליק און צופרידענהייט.
מוטער, געשוויסטער און שוועגערין.

זייט גליקליך און צופרידען
משה און **גיטל ראָזענזאַפט.**
אסתר ליטמאַנאָוויטש און טאָכטער.

אונזער ל. טאָכטער **אסתר שאַיאַ** (וויעלון) צו איהר חתונה מיט ה' **מיכאל זילבערבערג** (שעראדז), ווינשען אַ גליקליך און צופרידען צוזאַמענלעבען. מען זאָל זעהען ביי זיי פיעל נחת און פרייד.
די עלטערן.

לחתונה של בת-אחינו ושארתנו **אסתר שאַיאַ** עם מר **מיכאל זילברברג**
הננו מברכים ברוב הצלחה ואושר.
יעקב שאַיאַ ורעיתו, שמואל שאַיאַ ורעיתו,
דוד שאַיאַ ורעיתו, וויעלון.

צו דער חתונה פון אונזער ברודער און שוואָגער **מיכאל זילבערבערג** מיט פרל. **אסתר שאַיאַ** ווינשען אַ גליקליך צוזאַמענלעבען.
אברהם גרינבוים און פרוי
גוטשאַ זילבערבערג, וויעלון

צו דער חתונה פון אונזער קוזינע **אסתר שאַיאַ** מיט ה' **מיכאל זילבערבערג**
אימערדויערענדעס גליק און צופרידענהייט ווינשען
לייביש קרזעפיצקי און פרוי, אהרן קרזעפיצקי און פרוי,
בער קרזעפיצקי און פרוי, וויעלון.

דעם ה' **בער שאַיאַ** צו דער חתונה פון זיין טאָכטער **אסתר** מיט ה' **מיכאל זילבערבערג** (שעראדז) ווינשען אַ האַרציגען מזל-טוב.
פערוואַלטונג פון יוד. טורן-און ספּאָרט-פעראיין „מכבי" אין וויעלון.

הערצליכע גראַטולאַציע שיקט
יעקב אַנקלעוויטש און פרוי.

נעמט אָן אונזער האַרציגען וואונש
רפאל קאָרזשוך און פרוי.

ברכה והצלחה מברכים אתכם
יוסף שאיא ורעיתו, צבי שאיא.

לאָמיר בעניינען אונזער קולטור-אַרבייט!

אַ סך געדענקען נאך מן-הסתם די „ליטעראַרישע געזעלשאַפט", וועלכע איז געגרינדעט געווארען אין די יאָהרען 1910—11 און שפעטער, ווען זי איז פערמאַכט געווארען דורך דער רוסישער מאַכט, זענען אַלע מיטגליעדער אריינגעטרעטען אין דער דאמאלסדיגער „לירא", וועלכע איז געווען האלב-אַסימילאַטאָריש און געמאַכט פון איהר אַ ריין-יודישע קולטור-אינסטיטוציע.

ווער ס'געדענקט יענע צייטען וועט זיך דערמאָנען, אַז דאס איז געווען די שענסטע צייט פון אונזער פּאַזיטיווער אַרבייט אויפ'ן געביעט פון קולטור און קונסט. אין דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט" און שפעטער אין דער „לירא" האט זיך קאָנצענטרירט דאס בעסטע און שענסטע, וואס דאס יודישע טשענסטאָכאָוו האט פערמאָגט, עס איז געווען טעטיג דער הערליכער כאָר אונטער דער לייטונג פון בעריהמטען אברהם בער בירנבוים ז"ל, דאַן דער דראַמאַטישער קרייז, וועלכער האט אויפגעפיהרט אַ רייהע סצענישע ווערק, ווייטער זענען פאַרגעקומען ליטעראַרישע פאַרלעזונגען פון אַ רייהע יודישע דיכטער, ווי: י. ל. פרץ, שלום עליכם, ז. סעגאַלאָוויטש, ש. אַש א. א.

מיט איין וואָרט—דאס יודישע טשענסטאָכאָוו האט ערפולט די אויפגאַבען, וואס מען האט אויף איהם אַרויפגעלעגט.

פון דאמאלס אָן זענען אַוועק איבער 20 יאָהר. די מלחמה האט חרוב געמאַכט אַ סך אינסטיטוציעס, אָבער אויב עס איז געלונגען אויף יענע חורבות אויפצובויען פערשידענערליי אינסטיטוציעס, געלונגט אָבער בשום אופן נישט צוריק אויפצושטעלען אַ קולטור-אינסטיטוציע לויט'ן מוסטער פון דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט."

פיעל פרובען זענען געמאַכט געוואָרען צוריק אויפצובויען די „לירא", אָבער ליידער האט זי צוליעב פיעל סיבות נישט געהאט קיין אריכת-ימים.

דאס דאָזיגע פעלד איז ביז'ן היינטיגען טאָג פערנאַכלעסיגט געווארען און עס געפינט זיך נישט קיינער וועלכער זאָל פרובירען אין דער הינזיכט עפּיס צו טהון.

דאס יודישע לעבען איז פעראָרימט געווארען, דער יודישער מענש, איבערהויפּט די יודישע יוגענד, זוכט אַ נייעם וועג, וואו אויסצולעבען זיך, די פּראָבלעמען פון אונזער לעבען זענען ברייטער און טיעפער געווארען, מען זוכט אַנ'ענטפער אויף דער און אויף יענער ערשיינונג, מען זוכט אַ ווינקעל וואו צו קאָנען אַנווארימען די נשמה, אָבער אַרום און אַרום איז קאַלט, פרעמד און מען קאָן קיין תיקון נישט געפונען.

אין ווארשא האט דער פּען-קלוב בעגייט די פרץ-קעסטיל-אָוועגדען. דער שרייבער פון די דאזיגע שורות האט מיט 22 יאָהר צוריק געהאַט די מעגליכקייט צו זיין אַ צוהערער פון די דאָזיגע זעלטענע אָוועגדען, וואו דער פלאַם-פייערדיגער, דער נר-תמיד — פרץ האט מיט זיין גרויסער נשמה געוואָרימט און געלאַקט, געטרייסט און געשטראָפט די יודישע יוגענד, וועלכע האט געלעכצט נאך אַ וואָרים, נאך אַ גייסטיג וואָרט.

אפשר וואָלט שוין צייט געווען, אַז אויך ביי אונז אין טשענסטאָכאָוו, וואו עס יאָגט אַ קעלט פון אַלע זייטען, זאָל מען אויך אַ טראַכט טהון וועגען בעניינען אונזער קולטור-אַרבייט.

ס'איז נאך נישט גענוג דאס, וואס מיר האבען אַ פערצווייגטע נעץ פון ספּאָרט-אינסטיטוציעס. ס'וועט קיינער נישט לייקענען אין דער נוצליכקייט פון ספּאָרט, אָבער דאס איז נאך נישט אַלץ. די אונטערוואַקסענדע יוגענד דאַרף אויך אַ ליטעראַרישען קרייז, אַ קולטור-סביבה, וואו זיי זאלען געפינען אַנ'אָנלעהן פאר אַ סך קולטור-ענינים.

לויט אונזער מיינונג דאַרף אַזאַ קולטור-אינסטיטוציע געשאַפען ווערען ביים אָרטיגען זש. ט. ק., וועלכער האט דעם געהעריגען לאָקאַל און נעמט אריין אין זיין פּראָגראַם-טעטיגקייט דאס אַלץ, וואס קאָן אָנגערופען ווערען קולטור-אַרבייט.

אויב ס'געפינען זיך נאך אין אונזער שטאָדט אַזעלכע, וואס האבען אַ זין פאר די אלע פּראָבלעמען דאַרפען זיי זיך מיט דעם ענין שטארק פערנעמען.

לאָמיר בעניינען אונזער קולטור-אַרבייט!

ש.

פון ברית החיל.

היינט פרייטאג, פונקט. 8 אָוועגד קומט פאָר א לעקציע יודישע געשיכטע, געפיהרט דורך נ. זהבי.

מאָרגען שבת, פונקט. 4 א זייגער נאכמ. קומט-פאָר א חברים-פערזאמלונג אויף וועלכער ח' עזריאל יאקובאָוויטש וועט אַרויסטרעטען מיט אַ רעפעראַט א. ד. ט. „זאב זשאַבאָטינסקי, זיין לעבען און שאַפען".

אַביסעל מעהר פעראַנטוואָרטליכקייט.

מיט'ן ענטשטעהן פון דעם ווירטשאַפטליכען-קאָמיטעט אויפ'ן טשענסטאָכאָווער פּאָוויאַט ביי דער קעלצער האַנדווערקער-קאַמער, וועמענ'ס אויפגאַבע עס איז צו פערבעסערען די ביטערע לאַגע פון די האַנדווערקער-מאַסען, איז דאס ערשטע, וואס שטעהט אויפ'ן טאג-אָרדנונג: דאס בעקעמפען די אונלעגאַלע ווערקשטאַטען, ווייל דאס איז לויט זייער מיינונג די איינציגע מניעה, וואס שטערט די ענטוויקלונג און די פערבעסערונג פון דער לאַגע פון די לעגאַליזירטע האַנדווערקער.

איך וואָלט געווען אַ הונדערט-פּראָצענטיגער אַנהענגער פון דער דאָזיגער מעטאָדע, ווען איך וואָלט געווען איבערצייגט, אַז דאס איז טאַקע די איינציגע מניעה, דאמאלס וואָלט איך אויך געזאגט, אַז מען דאַרף טאַקע בעקעמפען די אונלעגאַלע ווערקשטאַטען מיט אַלע מיטלען. ליידער אָבער נעמט זיך די טרויריגע, ביטערע לאַגע פון די האַנדווערקער גאָר פון אַנדערע סיבות און קודם כל דערפון וואס עס איז דאָ אַנ'איבער פּראָדוקציע אין געוויסע בראַנזשעס, ווי אויך צוליב דעם שרעקליכען קריזיס, אין רעזולטאַט פון וועלכען די פערדינסטען זענען מינימאַלע און די בעפעלקערונג איז געוואָרען פעראָרימט, אַזוי אַז פון דער גאַנצער אַרבייט איז אפילו נישטא אויף קיין חיונה.

ס'וועט גענוג זיין אנצוּווייזען אויף דער גרויסער נויט, וואס הערשט, אַז אין טשענסטאכאוו ווערען אין די פּאָווּשעכנע שולען צוגענעהרט 14 טויזענד קינדער, דאס איז אָבער נאָך נישט אַלץ, ווייל פון אַ סך קינדער וועלכע ליידען הונגער ווייסט נישט די געזעלשאַפט.

איך וואָלט נאָך געקאָנט ברענגען אַ סך פאַקטען וועגען דער ביטערער נויט וואס הערשט אין דער גאַס און ספּעציעל ביי אונז יודען, נאָר דאַכט זיך, אַז דאס איז יעדען בעקאַנט און נויטיגט זיך נישט אין פאַקטען.

און ווען אין אַזאַ צייט, מען וויל ראַטעווען די לאַגע מאַר דערמיט, וואס מען וועט בעקעמפען די אונלעגאַלע ווערקשטאַטען, איז עס נישט אויפ'ן אָרט. איך וואָלט געזאגט, אַז מיר בעגעהן אַ פערברעכען, ווייל—ווי מיר זעהן פאַקטיש—איז דער גאַנצער קאַמף געציעלט נאָר אויף איין פונקט, וואס איז אונז יודען גוט בעקאַנט; מיר זעהן עס לויט די מעטאָדען פון קאַמף...

איך וויל נישט עפענטליך בעריהרען די מעטאָדען פון קאַמף, ווייל דאס קאָן ברענגען שאַדען אויף אַנ'אַנדערען געביעט עס וועט אָבער גענוג זיין איין פאַקט:

אין אַלע שטעדט אין פוילען ווערען אָרגאַניזירט פערשידענע גרופּען, וועמענס אויפגאַבע ס'דאַרף זיין נאָר צו קאָנטראָלירען יעדע איינציגע „בעוועגונג" און ספּעציעל פון אַ געוויסען טייל פון דער יודישער בעפעלקערונג, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט אַרויסגעבען אַרבייט די אַזוי גערופענע כאַלופּניקעס, פון וועלכע נייטציג פּראָצענט זענען נישט-יודען. יעדאָך ווערט געגען זיי געפיהרט דער גרעסטער קאַמף. און זיי זאָלען דאס זיין די גרעסטע פערטרעטער פון דער מלאכה, וועמען מען דאַרף בעקעמפען אַהן ריקזיכט.

איך וויל נישט ווערען זייער פערטיידיגער, ווייל דאס דאַרפען טהון אַנדערע, וועלכע זענען דערצו בערופען. איך וויל נאָר דאַ אָנווייזען אונזערע יודען, דאס מיר זאָלען נישט זיין די צוהעלפער צו דעם ברודער-קאַמף, מיר זאָלען נישט צוהעלפען די יעניגע, וועלכע זענען אונזערע שונאים. די יעניגע, וועלכע דערלויבען זיך אָנצוּווייזען אין אַנ'עפענטליכען אָרגאַן, וועלכער ערשיינט אין פּויזען, אַז מען דאַרף בעקעמפען דעם שונא, וואס איז נאָר דער יוד. און זיי ווייזען אָן וואס מען דאַרף מיט דעם יודען טהוען, כדי איהם אומצוברענגען.

דעריבער איז מיין מיינונג, אַז מיר דאַרפען זיך נישט אַנגאַזשירען אין דעם דאָזיגען קאַמף, וואס וועט אונז נאָר ברענגען שאָדען און פערשאַרפען די אַזוי אויך אַנגעשטרענגטע בעציהונגען, וועלכע זענען געוואָרען צוגעשפּיצט דורך אונזערע שונאים. מיר דאַרפען זיך בעמיהען צו קומען צו אַ געוויסע פערשטענדיגונג, און זיך נישט אַרויסשטעלען פאָר דעם שעיר לעזאזל, ווייל מיר האבען שוין גענוג אויף דעם געביעט געליטען.

חברים האַנדווערקער, מיין מיינונג איז, אַז מיר דאַרפען זיך נישט אַליין שאַפען מיט אונזערע הענד נייע שונאים, ווייל מיט'ן בעקעמפען די אונלעגאַלע ווערקשטאַטען מיינט מען נאָר אונז צו טרעפען אין ציעל; און אויב מיר וועלען זיך נישט בעצייטענס בעטראַכטען, וואס פון דעם קאָן אַרויסקומען, וועלען מיר אַליין בעדויערען און דאַן וועט שוין זיין צו שפעט.

מיר מוזען דעריבער זיך אָבגעבען אַ דין וחשבון, ווייל מיר נעמען אויף זיך אַביסעל אַ צו גרויסע פעראַנטוואָרטליכקייט.

א. ווייס.

די פויליש-פּאַלעסטינישע האַנדעלס-קאַמער
אין ווארשא אָרדענט איין
2 ספּעציעלע אויספלוגען
נאָך ארץ-ישראל אויף פּורים
דעם 26 לוטי און 12 מערץ.
איינשרייבונגען נעמט אָן און אינפאָרמאַציעס ערטיילט אין טשענסטאכאוו:
י. טשענסטאָכאָווסקי, 3 אַלעע № 61

היץ אין ליכט פון די נייעסטע פאָרשונגען און דער אופן פון איהר בעקעמפונג.

די שטייגערונג פון דער טעמפּעראַטור פון קערפּער ביים מענש אָדער די א. ג. פּאָפּולער-גערופענע היץ, איז איינע פון יענע ערשיינונגען, וועלכע קאָן בעשטעטינען וועגען געוויסע פּראָצעסען פון קראַנקהייטען פון מענשליכען קערפּער. פון שטאַנדפּונקט פון די נייעסטע מעדיצינישע פאָרשונגען איז די היץ אַ שוץ-מיטעל פון אַ קראַנקען אָרגאַניזם אין קאַמף מיט די סיבות, וואס רופען אַרויס די היץ שטייגערונג. שטרעבענדיג דעריבער צו בעקעמפען די היץ, דאַרף מען אייגענטליך געגענווירקען געוויסע איהרע ערשיינונגען. ווי: קאָפּ-וועהטאג, אומרוהיגקייט, שנעלע טעטיגקייט פון האַרץ א. א. וו., נישט אָבשוואַכענדיג דערביי, נור פערשטאַרקענדיג די שוץ-כּוחות פון אָרגאַניזם. צום בעקעמפען די היץ איז זעהר גוט, אַ דאַנק זייער כעמישען צוזאַמענשטעל, די טאַגאַל-טאַבלעטקעס, וואס זענען גלייכצייטיג אַ מיטעל געגען וועהטאָגען, געגען רעוומאַטיזם און געגען אַרטרעטיזם. טאַגאַל איז אַ גוט מיטעל געגען היץ.

שטופּט אייך נישט...

קליינער פעליעטאָן.

פער-פאַלעזי, דאס ליגט שוין אין אונזער כאַראַקטער מיר מוזען זיך שטיפּען. צי מען דאַרף יאָ צי מען דאַרף נישט האַלטען מיר זיך אין איין שטיפּען.

הלמאי זאָל מען זיך גענאַרען, מעהר-סטענטייל קומט ביי אונז אויס, אַז מיר שטיפּען זיך דוקא דאָרט, וואו מען דאַרף נישט...

געהט מען אין טעאַטער, יעדער האט זיין בילעט מיט'ן אָנגעוויזענעם פּלאַץ, פונדעסטוועגען שטיפּען מיר זיך. זאָל זיין, אַז דער, וואס האט אפילו זיין בעשטימט אָרט, שטיפּט ער זיך דערפאַר, ווייל ער ווייסט, אַז טאָמער וועט ער נישט פערכאַפּען זיין פּלאַץ, וועט עס אַנ'אַנדערער פערנעמען... אָבער וואס וועט איהר זאגען, אַז ווען מען געהט אַהיים פון טעאַטער, שטיפּט מען זיך אוי'ך, טאָ איז דאָך די פראַגע: וואס שטיפּט מען זיך דאמאלס?

א יוד, אַנ'אכזר, וואס לאָזט זיך נישט קאָסטען קיין גראָשען אויף קיין שום צדקה זאַך, שטיפּט זיך פונדעסטוועגען צו זיין אומעטום דער גבאי און זאָגאָר אין צדקה חברות ווייל ער זיין דער ראש וראשון; דאַרף מען איהם זאגען: פעטער, שטיפּט אייך נישט...

אַ יוד, וואס איז נישט פעהיג אַ קאַץ אַנ'עק צו פערבינדען, ר'איז אויך נישט איבריג קלוג, ווייל דוקא זיין פּרעזעס אין אַלע געזעלשאַפטען, און ווען ליידער דאס געלונגט איהם, בעגראַבט ער די חברות, אינסטיטוציעס, אַזוי אַז עס בלייבט פון זיי א חורבן. נו, דאַרף מען איהם נישט נעמען ביים קאַרק, אַרויסוואַרפען צו אַלדע גוטע יאהר און איהם אנזאגען: איהר חברה-מאַן, זיצט אויף אייער אָרט און שטיפּט אייך נישט!

מיר האבען יודישע שולען, וואו די קינדער ווערען ערצויגען אין יודישען נאַציאָנאַלען גייסט, ווילען אַ טייל פון אונזערע עלטערען דוקא אריינגעבען זייערע קינדער אין נישט-יודישע שולען, דאָרט וואו זיי הערען אָפּט ביטערע ווערטער פון די נישט-יודישע קינדער און אויך פון די עלטערע. און וואס מעהר מען וויל זיי נישט ליידען, מען גיט זיי אָפּען צו ערקלערען, אַז מען שטעהט נישט נאָך זיי, העלפּט עס נישט. נו, וואָלט נישט צייט געווען, אַז מען זאָל די דאָזיגע עלטערן זאגען איינמאל פאָר אַלע מאָל: שטיפּט אייך נישט?!

אין די רעגירונגס-אינסטיטוציעס און קאָמונאַלע איינריכטונגען און זאָגאָר אין יודישע פאַבריקען איז שוין לאַנג פעסטגעשטעלט דער דאָזיגער פּרינציפּ, וועלכער זאגט: יודישע בעאַמטע, יודישע אַרבייטער, האַלט אייך צוריק, שטיפּט אייך נישט!...

וועגען איינער אַ דאַמע דערצעהלט מען פאָלגענדעס: מאַדאַם איקס, זי האט זיך צוגעגרייט אויף אַ באַל, וואס איז פאָרגעקומען אין איינעם פון די פאַרנעמסטע זאַלען און דוקא געוואָלט נעמען דעם ערשטען פּריז פאַר'ן אָריגינעלסטען קלייד. איז זי אַוועק צו דער עלעגאַנטסטער שניידערין און האט ביי איהר זיך אינפאָרמירט, וואס פאַר אַ קלייד די מאַדאַם איגרעק האט זיך געמאַכט, וואס פאַר אַ פאַסאָן די מאַדאם זוויערקרויט האט זיך בעשטעלט און ערשט דאמאלס האט זיך מאַדאַם איקס געהייסען מאַכען אַ קלייד, וואס זאָל פעררייסען; זאָלען אַלע אויפ'ן באַל פערבליפט ווערען, זאָל דאס זיין אַ „צוש".

ס'פערשטעהט זיך, אַז גאַנצע טעג איז זי געזעסען ביי דער שניידערין און אינדערהיים איז דערווייל געווען חושך; דער מאַן האט נישט געהאַט, וואס צו עסען, די קינדער זענען פערנאַכלעסיגט געוואָרען, עס האט אָבער אַלץ געלוינט, ווארום דאס קלייד איז אַרויסגעקומען אויף די וואונדער, און מיט אַ קלאַפּעדיג האַרץ האט זי שוין אָבגעוואַרט אויף דעם גליקליכען אָוועגד פון באַל.

דער יום-טוב'דיגער עולם, וועלכער האט זיך פערקליבען אויפ'ן באַל, איז ווירקליך געוואָרען ענטציקט פון דעם קלייד, וואס איז געווען — לויט ווי מבינים זאגען—„נאַדזוויטשיינע". ווען ס'איז אָבער געקומען צו פערטיילען די פּריזען, האט מען אין דער דאָזיגער מאַדאַם פערגעסען, און בעקומען האט עס אַ פרוי, וועלכע איז געגאַנגען אין אַ וועניגער אָריגינעל קלייד.

ס'פערשטעהט זיך, אַז מאַדאַם איקס האט ספּאַזמירט, געשאָלטען מיט קללות דווקא אויף יודיש און איז געוועזען פערצווייפעלט. האָב איך אָבער פאַר איהר איין טרייסט-וואָרט: דו ביזט אַ יודיש קינד, און דאס איז געווען די איינציגע אורזאַך, וואס דיין קלייד האט נישט בעקומען דעם פּריז, און דערפאַר יודישע מאַדאַמען, ראַט איך אייך אויף דער צוקונפט—שטיפּט אייך נישט...

א צווייטער באַל אויף וועלכען אונזערע יודישע פּאַניענקעס האבען זיך געגרייט, האט צוגעזאגט צו געבען אַ פּריז פאַר די שענסטע פיגור האט זיך דאס פריילין איפּסילאָן צוגעגרייט צום באַל און געוואָלט נעמען דעם פּריז. מיט עטליכע חדשים צוריק האט זי נאָך אנגעהויבען זיך צו מאַכען די געהעריגע ליניע, זי האט געפּאַסט תעניתים, גענומען רעצעפּטען ביי דאָקטוירים, זיך געמאַסטען דאס פיגור'ל אויפ'ן מילימעטער, ביז ענדליך ס'איז געקומען דער גליקליכער טאג פון באַל און אונזער פריילין איז געווען כּולו רוחניות, זי האט אויסגעזעהען עלאַסטיש, שלאַנק, ווי אויסגע'חלומ'ט פון אַ „בייקע".

אויפ'ן באַל האט זי געשוועבט ווי אַ שמעטערלינג און מיט איהר רייצענדען מאַסקעלע אויפ'ן פּנים, האט זי געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון די עלעגאַנטע קאַוואַלערען, אָפּיצירען און פאַרנעמע דאַן זשואַנס, וועלכע האבען באַלד פון ערשטען אויגענבליק אָן געקלעבט אין איהר ווי בינען אַרום האָניג, דערצעהלט איהר פערשידענע „קאַוואַלען" און זי האט מיט איהר זילבערן געלעכטעריל פערהילכט די לופט פון אָנגערויכערטען זאַל. אויך ביים בופעט האט מען איינגענעצט דעם גומען. און ביי זיך האט די עלעגאַנטע געזעלשאַפט בעשלאָסען, אַז דעם ערשטען פּריז בעקומט אונזער טייערע זגראַבנע פריילין. נאָר אַנ'אומגליק איז געשעהן: בעת מען האט געהאַט גענומען אַנ'איבריגען טרינק און דער עולם איז געוואָרען בגילופין, האט זיך איין קאַוואַלער דוקא איינגעשפּאַרט, אַז ער וויל האבען די זכייה צו זעהן דאס מלאך-פּנים פון הימלישען וועזען, וואס איז אַראָבגעשיקט געוואָרען פון די הויכע הויכען אויפ'ן באַל. אונזער פריילין זייענדיג בערוישט פון אַזויפיעל קאָמפּלימענטען, האט נישט געקאָנט אָבזאָגען די ביטע פון די עלעגאַנטע קאַוואַלערען און בעוויליגט אויפצודעקען איהר געזיכט, און פּלוצים—זענען אַלע אַוועק און זי איז געבליבען איינע אַליין...

ס'פערשטעהט זיך, אַז דעם פּריז האט שוין בעקומען אַנ'אַנדערע פריילין, וועלכע האט געהאַט דוקא אַ מגושמ'דיגער פיגור.

מיר איז געווען אַ רחמנות אויף דער יודישער פריילין, ווען איך האָב זי אין עטליכע טעג אַרום בעגעגענט, בין איך צוגעגאַנגען צו איהר און איינגערוימט אין אויער דוקא אויף יודיש—יודישע טעכטער שטיפּט אייך נישט...

פערהאַנען ביי אונז אַ סך ריין-אַרישע קראָמען, וואס קאָנען נישט פערליידען, אַז יודען קויפען ביי זיי. האָבען אונזערע דאַמען אָבער אַ טבע, אַז זיי האבען ליעב צו טהון להכעיס און שטיפּען זיך דוקא דאָרט, וואו מען דאַרף נישט.

וואס שייך צו זאגען, אַז דאס ליגט אין אונזער בלוט: דאָרט, וואו מען וויל אונז נישט, דאָרט שטיפּט מען זיך דוקא.

די לעקציע אין דייטשלאַנד האט אונז גאָרנישט אויסגעלערנט.

און דעריבער וואַרפען מיר די לאָזונג:

ברידערלעך און שוועסטערלעך שטיפּט אייך נישט!...

סמאל.

משה אש

די ערשטע חדרים, ישיבות און מלמדים אין טשענסטאכאוו.

— 6. —

דעם 28 פּאזדזיערניק 1868 האט דער ערשטער לעהרער משה זיס מודיע געוועזן דעם שול-קוראטאר, אז דער רעליגיע-לעהרער נחמן אהרן ראזען איז געשטארבען און ער האט פערלאנגט א פערטרעטער. די ערשטע צייט האט דעם אמט צייטווייליג פערנומען דוד פּאנקאווסקי, מיט עטליכע חדשים שפּעטער—דער חזן אברהם בער שפּירא, נאכדעם אבער, ווי דער חזן האט צוליעב מחלוקות פערלאזט אונזער שטאדט און זיך איבערגעצויגען נאך ברעסלוי, איז דורכ'ן קוראטאריום בעשטימט געווארען אלס רעליגיע - לעהרער דער שילער פון דער זשיטאמירער ראבינער-שולע, חיים שאפּאשניק.

די ערשטע יאהרען זייט דער ערעפענונג פון דער יודישער עלעמענטאר-שולע, האט דאס קוראטאריום געהאט איבער איהר א שטארקע אויפזיכט. די שול-מאכט האט מורא געהאט, אז עס זאל דארט חלילה נישט געלערנט ווערען צופיעל פויליש. פון א ראפּארט, וואס דער לאדזער קוראטאר האט צוגעשיקט אין חודש ליסטאפּאד 1869 צום יודישען שול-ראט איז צו זעהען, אז דער קוראטאר מאכט א שווערען פארוואורף דעם ראט צוליעב'ן ווייניג לערנען אין דער שולע די רוסישע שפּראך און ווארענט, אז אויב דאס וועט זיך ווידערהאלען, וועט ער אננעהמען שארפע מיטלען געגען די ווידערשפּעניגע; גלייכצייטיג פערלאנגט ער איהם צוצושטעלען יעדע וואך א בעריכט וועגען דעם וואס יעדער לעהרער האט געלערנט מיט זיינע שילער פון דער וואך.

אין ווזשעשען 1870 ווערען דורך א מודעה אין דער שוהל אויפגעפאדערט אלע היגע יודען צו קומען אין דער איינציגער היגער יודישער וועלטליכער שולע, צום ערשטען עקזאמען, וועלכער קומט פאר מיטוואך, דעם 21 ווזשעשען.

אין געגענווארט פון אינספּעקטאר פון פּרא-גימנאזיום, שטאדט-פּרעזידענט און א גרויסע צאהל יודען איז צום בעשטימטען טערמין פארגעקומען דער עקזאמען. ווי עס איז צו זעהן פון בעריכט, וואס איז אויפ'ן ארט געשריבען געווארען צום לאדזער קוראטאר, האבען זיך די שילער גוט אויסגעצייכענט. אמבעסטען פון אלע אבער האט זיך אויסגעצייכענט דער שילער נתן געריכטער, וועלכער האט דעקלאמירט אין דער פוילישער און דייטשע שפּראכען, וואס ס'האט ארויסגערופען גרויס בייפאל ביי אלע פערזאמעלטע.

אין יאהר 1870 האט דאס קוראטאריום איינגעפונען, אז משה זיס בעזיצט נישט די געהעריגע קוואליפיקאציעס צו זיין דער ערשטער לעהרער פון דער יודישער עלעמענטאר - שולע, וועלכע האט זיך שוין געהאט זעהר ענטוויקעלט און איהם איבערגעטראגען אויף דעם אמט פון רעליגיאנס-לעהרער העכערענדיג איהם גלייכצייטיג זיין געהאלט אויף 300 רובל יעהרליך און אלס ערשטען לעהרער בעשטימט דעם לעהרער פון פּיעטרקאווער גימנאזיום הענריק בלייכער מיט א פּענסיע נאר פון 200 רובל.

אזוי האט זיך במשך פון 1870—1889 געענדערט דער לעהרער-פּערסאנאל מיט פאלגענדע פּערזאנען: ישעי' וודאווינסקי, יעקב רעכניץ, דוד וויינטרויב, שלום גורלאנד און מארקוס לעדער.

גרויסע צרות האט דער יודישער שול-ראט געהאט פון לעהרער דוד וויינטרויב, וועלכער האט פערשפּרייט רכילות צווישען די איבריגע לעהרער און געמאכט צו שאנד און שפּאט די שולע, ביז דער ראט האט איהם אבגעזאגט פון זיין אמט. וויינטרויב האט זיך איבערגעטראגען נאך קיעוו, וואו ער האט זיך מיט זיין פרוי און קינד גע'שמד'ט, אריינגעטרעטען אין א רוסישען גייסטליכען סעמינאריום און שפּעטער בעקומען א רעגירונגס-אמט אלס אויפזעהער איבער די בראנפען-שענקען. דאגעגען האט די היגע יודישע בעפעלקערונג בכלל און די עלעמענטאר-שולע בפרט געהאט גרויס נחת פון לעהרער שלום גורלאנד, וועלכער האט די שולע געשטעלט אויף דער געהעריגער הויך.

אין יאהר 1887 איז ארויסגעגעבען געווארען א געזעץ, אז די יודישע מלמדים מוזען בעזיצען אנ'ערלויבניש פון דער רעגירונג צו לערנען מיט זייערע תלמידים און מוזען זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון א לעהרער. דאמאלס האבען זיך אין אונזער שטאדט געפונען פאלגענדע מלמדים, וועלכע האבען געהאט געהעריגע ערלויבנישען: שאול דוכאן, גרונם בעסער, יחזקאל גערשאנאוויטש, יעקב שטייניץ, שלמה בינדער און העניך אבראמאוויטש. די אלע חדרים האבען זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון לעהרער שלום גורלאנד, וועלכער איז געווען פעראנטווארטליך פאר די למודים, וואס וועלען דארט פארקומען.

דוד קאָניעצפּאָלער.

האנדווערקער=חלוצים.

מיט יעדען טאג ווערט רייפער און דרינגט אריין טיעפער סיי ביי די האנדווערקער-מאסען, סיי אין די ציוניסטישע רייהען, דער געדאנק צו קאארדינירען די דאזיגע בעוועגונגען.

עס האט געמוזט אפּפליסען פיעל וואסערן, ביז עס איז קלאר געווארען אין די ציוניסטישע רייהען דער געדאנק, אז דאס האנדווערקערטום איז נישט קיין מינדערווערטיגער עלעמענט טיי עקאנאמיש אין סיי פּאליטיש, ווי יעדער אנדערער שיכט אין דער יודישער געזעלשאפט און אלס אזעלכער מוז ער צוגעצויגען ווערען צום אויפבוי פון לאנד, ווייל ער איז אין דער ערשטער רייה א פּראדוקטיווער כח און אויך פון נאציאנאלען שטאנדפּונקט איז ער פיעל ווערטפולער ווי די אלע „קאפּיטאליסטען", מיט אדער אהן געגנזן-פיסלעך, וועלכע, געניסענדיג פון די לייכטע איינרייזע-מעגליכקייטען ווירקען אין לאנד קודם-כל — פאר זייער קעשענע, נישט אכטענדיג, אז מיט אזא „העלפען אויפבויען דאס לאנד", ווי די לעצטע שפּעקולאציע-וואקכאנאליע, וואס הערשט אין ארץ-ישראל קאן דערפיהרען צו דער גרעסטער ווירטשאפטליכער קאטאסטראפע.

דער האנדווערקער איז פון נאציאנאלען שטאנדפּונקט ווערטפולער דערפאר, ווייל ער איז מיט זיין סטרוקטור און פּסיכיק נישט פעהיג צו קיין שום ספּעקולאטיוו-אינטערעסען, נאר ווידמעט זיך זיין רוהיגער און דערפאר שעפערישער ארבייט. דאס האנדווערקערטום וואלט קיינמאל נישט געווען פעהיג אויף אזא „איבערלויפונג", ווי עס טהון עס אפילו די בעסטע חלוצים, ווייל ער איז צוגעשמידט צו זיין ארבייטס-ווערקשטעל און, האט ער נאר די בעדינגונגען, שאפט ער וואס מעהר פאר'ן וואוילשטאנד פון לאנד.

אמת, דער האנדווערקער בעזיצט נישט די גרויסע קאפּיטאלען צו בעשאפען די גרויס אינדוסטריע. ער האט נישט די מעגליכקייטען צו בעשעפטיגען גרויסע מאסען ארבייטער. דערפאר אבער קאנצענטרירט נישט דאס האנדווערקערטום זיינע פּראדוקציאנס-פעהיגקייטען אויף איין געביעט, וועלכער ברענגט מאמענטאלע גרויסע פערדינסטען פאר יחידים און איז גלייכצייטיג א שווערע לאסט פאר ברייטע ארבייטענדיגע מאסען. דאס האנדווערקערטום —א דאנק זיינע פערשידענארטיגע פאך-קענטניסען און א דאנק זיין עלאסטישקייט ביים איינארדנען זיין בעטריעבס-פלאץ, קאן מען פערצווייגען אין פערשידענע געגענדען און פונקטען און קען אומעטום שאפען ארבייטס-מעגליכקייטען און דערמיט פערגרעסערן און פערצווייגען דעם יודישען ישוב.

עס איז אלזא געווען — לויט מיין טיעפסטע איבערצייגונג — דאס גרעסטע פערברעך, וואס צוגלייך מיט'ן לאנדווירטשאפטליכען חלוץ, האט מען נישט געשיקט נאך א"י, דעם פאכמאן, נישט דעם כלומר'שטען בעל - מלאכה, וואס זיין פאך-קענטניס איז בעשטאנען אין צוקוקען זיך איינציגע וואכען צו א האנדווערקער - ווארשטאט, נאר אמת אויסגעבילדעטע בעלי-מלאכות, וועלכע זענען צוגעבינדען צו זייער פאך זייט יאהרען און זענען ממש נישט פעהיג זיך צו שיידען דערפון און איבערצוגעהן צו אנדערע לייכטע פערדיענסטלען.

די אלע אויבענדערמאנטע פראגען, גלויב איך, זענען געווען קלאר פאר די אנפיהרענדע ציוניסטישע מענער, אבער מיר שיינט, אז עס וועט נישט זיין איבערטריבען, ווען איך וועל זאגען, אז א דאנק די פערשאלטענע פּאליטישע פערהעלטנישען, וואס עס האבען געהערשט (און הערשען ליידער ווייטער) ביים פוילישען יודענטום, האבען, נישט אין קיין קליינער מאס מיטגעווירקט, אז די איבענציטירטע אמת'ן זאלען פערלייקענט ווערען. פון איין זייט האט מען דעם יודישען בעל-מלאכה נישט געלאזט דערמאנען דאס ווארט ציוניזם אין די מויערען פון זיין ארגאניזאציע. און פון דער אנדערער זייט די ציוניסטישע קרייזען און פוילען, פון וואנען עס שטראמט אייגענטליך די גרעסטע צאהל עולים נאך ארץ-ישראל, האבען דעם יודישען האנדווערקער-עלעמענט איגנארירט.

און מען האט געטהון אלצדינג, אז עמיגרירען זאלען קאנען נאר חלוצים און טויזענד-פונט'דיגע קאפּיטאליסטען. אמת, עס איז געווען א טייל סערטיפיקאטען פאר בעלי-מלאכות, די אזוי-גערופענע סוג ב., אבער מען האט שוין געטהון אלץ, כדי קיין אמת'ער פאכמאן זאל נישט אהינקומען און וואס וויזט זיך ארויס פון אט דער פּאליטיק?

עס וויזט זיך אבער ארויס, אז דאס לעבען איז שטארקער פון אלע דאקטרינען. דער יודישער האנדווערקער וויל מיטהעלפען בויען דאס א"י-ווערק.

און אויך די ציוניסטישע ספערען זעהען איין, אז די פּאליטישע איינשטעלונג געגען דער האנדווערקער-עמיגראציע ווירקט גראד פערקעהרט ווי מען וואלט עס זיך געווינשען, שוין יעצט פיהלט זיך דאס פעהלען פון א געזונטען, פאכמענישען האנדווערקער-עלעמענט.

עס זענען, אמת, פערהאן גרויסע קאפּיטאלען אין לאנד, עס בויען זיך גלענצענדע שטעדט, אבער נישט גענוג וואס דאס איז נישט א געזונטע ערשיינונג פאר זיך אליין, האט עס נאך דעם חסרון, אז דאס געלד און לוקסוס לאקט און רייסט אוועק פון דארף דעם בעסטען חלוץ און עס פעהלען מענשען פאכלייט, נישט נאר אין די ווייט-פערווארפענע ישובים, נאר אפילו צו זעטיגען דעם פערבראויך אין די שטעדט.

און נאך א וויכטיגער מאמענט, אפשר דער סאמע - וויכטיגסטער, הויבט אן שפּילען א ראלע, נעמליך—דער פּאליטישער.

די רייך-געווארענע עלעמענטען פון לאנד ווילען האבען די גרעסטע פּאליטישע השפעה. זיי פערגעסען גיך, אז ווען נישט די גרויסע נאציאנאלע הילף וואלטען זיי נישט געקאנט דערגרייכען צו דער שטופע, אויף וועלכער זיי געפונען זיך היינט און זיי שאפען פּאליטישע גרופּען, וואס צייכנען זיך נישט אויס מיט קיין אידעען - אונטערשיעד, סיידען מיט אינטערעסען-אונטערשיעד. די גרויסע גרונד-בעזיצער, ווי די גרויסע בוי - אינדוסטריעלער, די גרויסע באנק - פינאנסיסטען, ווי די שטארקע ארבייטער-בעוועגונג, יעדע ציעלט איבערצונעמען די השפעה לטובת זיינע אייגענע אינטערעסען. און יעצט זעהט מען זיך ארום, אז עס פעהלט דער מיטעל-עלעמענט, דער רוהיגער, דעמאקראטישער, פּראדוקטיוו - שעפערישער האנדווערקער, וואס וואלט געקאנט שאפען די גלייכגעוויכט צווישען די ווירטשאפטליכע און פּאליטישע כחות אין ארץ-ישראל.

אלע אויסגערעכענטע אומשטענדען רעדען אליין פאר זיך און זענען א קלארער בעווייז פון דער נויטווענדיגקייט וואס שנעלער צו בעזעצען אין א"י דעם ערפאהרענעם האנדווערקער-עלעמענט. לאמיר דעריבער האפען, אז די מאסגעבענדע ציוניסטישע פאקטארען וועלען דאס פערשטעהן און שוין איינגיכען ערמעגליכען א פערשטארקטע עליה פון האנדווערקער.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

א טראגישע דעמאנסטראציע...

א קליינע מעלדונג איז געווען אין די צייטונגען, אז אלע ארימע מארקשטעהער, וועלכע האבען צוליעב געוויסע סיבות נישט אויסגעקויפט קיין פּאטענטען (די סיבות פערשטעהט איהר דאך זעלבסט, אז זיי האבען פשוט נישט פאר וואס צו קויפען קיין פּאטענט) זאלען זיך מעלדען אין דער קהלה צום ה' ווילהעלם זשעריקער פון דער ביז דער שעה.

האט איהר געדארפט זעהן, ווי ביז צו דער מינוט, און אפשר נאך פאר דער בעשטימטער צייט האבען זיך אנגעהויבען פערזאמלען די יודישע „סוחרים", וועלכע לעבען (אויב מען קאן דאס איבערהויפּט אנרופען לעבען) פון מסחר, כדי צו געפינען אנ'עצה ווי אזוי צו קענען האנדלען, אז דער נייער קאנטראלער זאל נישט צונעמען דאס ביסעל סחורה.

א שאד, וואס די וועלכע זענען ממונה אויף די פּאטענטען, כ'מיין די ה"ה: פון סקארב, זענען נישט געווען—אין דער קהלה און נישט אנגעקוקט די פערחושכ'טע, צואקערטע פּנים'ער פון די דאזיגע סוחרים. פערגעסט נישט, אז דאס איז געווען שבת צונאכט'ס, ווען יעדער האט נאך אויף זיך די רוהיגקייט פון שבת און פונדעסטוועגען איז אויף זייערע פּנים'ער געלעגען א חושכ'דיגער דלות. ס'איז געווען א בילד פון שאטענס, וועלכע האבען געשוועבט אויפ'ן ראנד פון אבגרונד.

עס איז געווען א טראגישע דעמאנסטראציע.

זי איז געקומען מיט דער קראם...

צווישען די דאזיגע סוחרים, וועלכע האבען זיך פערעגיסטרירט, איז אויך געווען איין פרוי, וועלכע האט מיטגעבראכט א הילצערען קעסטיל, וואס זי האט געטראגען אין דער האנד, און ווען מען האט זי געפרעגט, וואס זי טראגט, האט זי עס בנעימות ארויפגעלייגט אויפ'ן טיש, געעפענט דאס דעקיל און געזאגט: אט האט איהר—דאס איז מיין סחורה. און פאר די אויגען האט זיך בעוויזען א מין קראם, וואס בעשטעהט פאר עטליכע זלאטעס פארבען.

די זעלבע פרוי האט דערצעהלט, אז אויך ווען דער סקארב האט איהר געמאכט אמאל א פאר טויזענד זלאטעס אברוט, איז זי אוועק מיט דער דאזיגער קראם אין סקארב אריין, זיך דערשלאגען צום נאטשאלניק און איהם געוויזען איהר קראם. דער נאטשאלניק האט דאן צונויפגערופען אלע בעאמטע און ווי האבען בודק געווען די „גאנצע קראם" פון דער דאזיגער פרוי.

אויך איצט—טענה'ט די פרוי—בין איך געקומען זיך פערעגיסטרירען אויף א בחנם'דיגען פּאטענט און כדי איהר זאלט זיך איבערצייגען, וואס פאר א גרויסער סוחר איך בין, האב איך מיטגעברענגט די קראם.

ער איז נישט צופרידען...

צווישען די, וועלכע האבען זיך פערעגיסטרירט אויף די הנחה-פּאטענטען, איז אויך געווען איינער, וועמען די גאנצע רעגיסטראציע האט נישט געפאלען ד"ה צופרידען איז ער געווען, וואס מען האט איהם פערעגיסטרירט, נאר ער האט מורא געהאט, אז אויב מען וועט געהן בעטען פאר אלע, וועט מען גאר נישט פועל'ן.

אזוי איז שוין די וועלט: אדם קרוב לעצמו—יעדער טראכט נאר פאר זיך און אויב ער זעהט, אז דאס נעמט אן א מאסען-כאראקטער, ווארום אין משך פון איין שעה זענען רעגיסטרירט געווארען איבער הונדערט הענדלער, האט ער מורא, אז פון דעם וועט גאר נישט ווערען און דעריבער איז ער נישט געווען צופרידען...

„וויענקשאשטש נאראדאווא"

אויך עטליכע קריסטען האבען זיך פערעגיסטרירט פון וואנען זיי האבען זיך דערוואוסט, איז נישט צו פערשטעהן, ווייל קיין יודישע צייטונגען לייענען זיי בעשטימט נישט; נישט אנדערש נאר, אז זייערע שכנים, די יודישע מארק-שטעהער, וועלכע לעבען מיט זיי צוזאמען אין צרות, דערצעהלען זיי אויך ווי אזוי מען קאן זיך העלפען.

דעם אמת מוזען מיר זאגען, אז די קריסטען האבען זיך בעצויגען אין דער קהלה מיט דרך ארץ, אז אינדערצייט, ווען די יודען האבען זיך געשטיפּט און געשטויסען, יעדער האט אלץ געוואלט זיין פון די ערשטע, זענען זיך די קריסטען געשטאנען סטאטעטשנע און געווארט אויף זייער רייה... נישט דאס בין איך אויסען.

ווי איהר זעהט, האט מען דאס מאל נישט בלויז אין זינען געהאט די אומגליקליכע יודישע מארק-שטעהער, נאר מען האט אויך פערעגיסטרירט די „וויענקשאשטש נאראדאווא".

א שמועס מכח יודישע ארבייטער און יודישע פאבריקאנטען

געוועזן איז דאס, אויב כ'האב נישט קיין טעות, אויף א זיצונג וועגען גרינדען אנ'אבטיילונג פון „ארט", האבען מיר שפּעטער גערעדט וועגען פערשידענע ענינים, ביז מיר זענען ארויפגעקומען אויף דער אונגעוועהטאגטער אקטועלער פראגע: יודישע ארבייטער און יודישע פאבריקאנטען.

רופט זיך איינער אב, א פּערזענליכקייט אזוי צו זאגען: איהר ווילט אלץ, אז מען זאל צונעמען יודישע ארבייטער אין די פאבריקען און אט האט מיר דערצעהלט א יודישער פאבריקאנט, אז ס'האבען געארבייט ביי איהם יודישע ארבייטער האבען זיי געשטרייקט; געהערט אזא חוצפה, האט ער זיי טאקע אבגעשאפט און אויף זייער ארט צוגענומען נישט יודישע ארבייטער.

א צווייטער, אויך א פּערזענליכקייט, האט דאס אויסגעהערט און אויך ארויסגעזאגט זיין מיינונג, אז יודען ווילען נישט ארבייטען און אז טאמער יא, זענען זיי אין גרויסען. און דעריבער...

וואס דעריבער—רייסט איהם איבער א דאמע, א פרוי פון א פאבריקס-דירעקטאר—וואס דעריבער, וואס בעלעבעטשעט איהר, ווער זאגט דאס, אז יודישע ארבייטער טויגען נישט צו דער ארבייט. אט האב איך זיך בעמיהט—דערצעהלט זי ווייטער—אז מען זאל אין אונזער פאבריק, וואו מיין מאן איז דירעקטאר, צונעמען עטליכע יודישע ארבייטער און מיין מאן איז פון זיי העכסט צופרידען, ווייל זיי צייכענען זיך אויס מיט מעהר אינטעליגענץ, ווי די נישט יודישע ארבייטער און ארבייטען פאר דעם זעלבען לוין, וואס נישט-יודען.

דאן האב איך מיך אנגערופען און געפרעגט דעם דאזיגען מקטרג א פראגע: זאגט מיר, מיין ליבער פריינט, צי איז אין דער פעלצער-פאבריק פארגעקומען א שטרייק, אין דער „מעטאלורגיע" איז פארגעקומען א שטרייק, דאכט זיך, אז דארט ארבייטען בעשטימט נישט קיין יודישע ארבייטער, טא פארוואס האט מען זיי נישט אבגעשאפט און מען האט גארנישט צו זיי קיין פּרעטענציע? דער תירוץ איז, אז א סך יודישע פאבריקאנטען זענען אזעלכע ברואים, אז זיי ווילען די נישט-יודען אלץ מוחל זיין, אפילו דאמאלס, ווען די זעלבע ארבייטער בעפאלען אין גאס יודען.

דאגעגען אבער, אויב זיי בעשעפטיגען א יודישען ארבייטער, וואלטען זיי פאר דער דאזיגער „טובה" כאטש געוואלט ביי איהם צונעמען נישט נאר זיין ארבייטס-קראפט, נאר אויך זיין נשמה, ווארום עפעס א קלייניגקייט—ער גיט דאך א יודען ארבייט.

ניין, טייערע פריינט! מען דארף מאכען א סוף צו די אלטע זאבאבאנעס וועגען יודישע ארבייטער. זיי זענען אזעלכע מיוחסים, ווי נישט יודישע ארבייטער און מען טהוט נישט דערמיט קיינעם קיין טובה, אויב מען גיט א יודען ארבייט. דאס איז א פליכט אלס יוד און מענש און דער עיקר, אז לעצטענס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער יודישער ארבייטער

ה. לייזעראוויטש.

צי דארף די יודישע געזעלשאפט פאר לאנד-קענטניש זיין א מאסען-ארגאניזאציע?

די לאנדקענטניש-בעוועגונג איז זיך אין די לעצטע יאהרען שטארק פונאנדערגעוואקסען. פון א קליין הייפעל מענשען אין ווארשא, וואס האט אין יאהר 1926 געגרינדעט די י. ג. פ. ל. איז געשטיגען די צאהל מיטגלידער און הייעט פערמאגט שוין די י. ג. פ. ל. אין ווארשא, לאדז, בענדין, ווילנא, טשענסטאכאוו א. א. וו. קנאפע 5.000 מיטגלידער.

די פאפולאריטעט פון דער געזעלשאפט וואקסט כסדר און דאס בעווייזט א גרויסע בעדערפניש פאר דער לאנד-קענטניש-ארבייט צווישען דער יודישער בעפעלקערונג.

וואס איז לאנדקענטניש?

אין דער ערשטער רייה — פאלקס-קענטניש; דאס איז ביי אונז א פערווארלאזט פעלד. מיר האבען טענות צו דער וועלט פארוואס מען קען אונז נישט און מיר אליין, צי קענען מיר זיך יא? אונזער אינטעליגענץ אין די גרויסע שטעדט, וואס איז האלב אסימילירט אדער אפילו גאנץ אסימילירט (אין טשענסטאכאוו) האט אפט קיין אהנונג נישט פון דעם טראדיציאנעלען לעבענס-שטייגער, וואס האט זיך נאך אויסגעהאלטען אין די פערווארפענסטע ווינקעלעך פון פוילען. די פאלקס-שאפונג — אנ'אונערשעפליכער קוואל פון וועלכען געלערנטע און קינסטלער ביי אנדערע פעלקער שאפען אינספיראציע און בעגייסטערונג פאר זייערע ווערק— ווערט ביי אונז אינגאנצען נישט אבגעשאצט.

די י. ג. פ. ל. האט א בעזונדערע אויפגאבע צו פארשען די יודישע סביבה מיט וועלכער מיר ווילען און דארפען בעקענען אונזערע מיטגלידער. מיר דארפען מיטארבייטען מיט דעם יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט, וועלכער האט א סך אויף דעם געביעט פון פארשונגען שוין אויפגעטהון, אבער ביי די קנאפע מאטעריעלע מעגליכקייטען און ביי דעם גרויסען פערנעהם פון ייווא קענען נישט ביי די אויספארשונגען גענומען ווערען אין אכט די לאקאלע אביעקטען, וועלכע דארפען געפארשט ווערען דורך די י. ג. פ. ל. אבטיילונגען.

די י. ג. פ. ל. דארף נעמען אויף זיך די אויפגאבען, וועלכע ס'ערפולען ביי אונזערע שכנים די אבטיילונגען פון דער געזעלשאפט „פריינד פון וויסענשאפט" (T-wo Przyjaciół Nauki) אדער אנדערע געזעלשאפטען מיט אנ'ענהליכען כאראקטער, וואס ווערען מיט א ברייטער האנד געשטיצט נישט בלויז דורך דער ארטיגער פוילישער געזעלשאפט, נאר דער עיקר דורך די זעלבסט-פערוואלטונגס-ארגאנען און דורך דער מלוכה.

די י. ג. פ. ל. וועט דעריבער האבען פאר אנ'אויפגאבע מיטצוהעלפען אויסצופארשען די געשיכטע אין איהר שטאדט, די געשיכטע פון יודישע אלטערטימליכקייטען, ווי שולען, בית-עלמין'ס וכדומה. ס'דארפען אין יעדער אבטיילונג געשאפען ווערען קרייזען פון ליעבהאבער, וואס זאלען צונויפזאמלען די אלע מאטעריאלען. דער ביישפיעל פון דעם שטעדטיל פרושאני, וואו א גרופע יונגע קולטור-טהוער מיט דער ארטיגער י. ש. א. בראש האט צונויפגעזאמעלט מאטעריאלען און דערנאך ארויסגעגעבען א וואונדערבארע מאנאגראפיע פון זייער קהלה, איז א בעווייז, אז ביי א גוטען ווילען קאנען הייגט געזאמעלט ווערען די אלע מאטעריאלען און ביי א געהעריגער ארגאניזאציע קענען אויך געשאפען ווערען די נויטיגע מיטלען דערצו.

ווי מיר איז בעקאנט, האט פריינד אינזש. ווילטשינסקי, וועלכער איז בעקאנט אלס זאכקענער, צונויפגעזאמעלט מאטעריאלען וועגען טשענסטאכאוו, נור „א מזל פון א שטאדט", עס פעהלען די מיטלען. איך גלויב אבער, אז ביי אביסעל גוטען ווילען פון עטליכע קולטור-טהוער, וועלכע האבען דערפאר די געהעריגע פערשטענדניש ווי אויך ביי א מיטהילף פון דער קהלה וואלטען מיר געקאנט די מאנאגראפיע ארויסגעבען.

די דאזיגע מאנאגראפיעס פון קהלות און פון ארטיגע אלטערטימליכקייטען זענען אונז נויטיג קודם-כל צו ריינער לאנדקענטניש ארבייט. ווייל מען קען דאך נישט ארומפיהרען אויספלוגען און בעווייזען די אלטערטימליכקייטען ווי לאנג מען האט זיך אליין נישט בעקענט מיט די דאזיגע אביעקטען.

די קאנסערוואציע (דאס אבהיטען) פון יודישע אלטערטימליכקייטען האט אויך פאר די י. ג. פ. ל. א וויכטיגע בעדייטונג. וועמען ס'איז אויסגעקומען צו זיין אין א שטעדטיל, וואו ס'איז פערהאן אנ'אלטע היסטארישע שוהל (פרזעדבארזש, דזיאלאשין, קרזעפיץ) איז בעוואוסט וואס פאר א וויכטיגע אויפגאבע דאס איז.

די י. נ. פ. ל. האט אויך פאר אנ-אויפגאבע צו דערקענען דאס פאלק מיט זיין רייכער יאהרהונדערט-לאנגער שאפונג — מיט זיין פאלקלאר, דאס וועט נישט נאר בערייכערן דעם וויסען פון אונזערע מיטגלידער, נור אויך אבשוואכען די אסימילאציע - טענדענצען ביי דער גרויסער צאהל אינטעליגענץ, וואס גרופירט זיך ארום די י. ג. פ. ל.

א דאנקבארע ארבייט וואלט דאס געווען פאר דער ארטיגער אבטיילונג פון דער י. ג. פ. ל., ווייל טשענסטאכאוו איז ליידער א שטאדט פון אינטעליגענץ—אסימילאטארען.

דאס ארייגציהען וואס א גרעסערע צאהל מיטגלידער אין די פאלקלאריסטישע קרייזען פון י. ג. פ. ל. וועט שטארקען דעם אינטערעס צו יודיש און יודישע ליטעראטור. דאס שאפען א דראמאטישע סעקציע ביים קרייז וועט שטארקען דעם אינטערעס צו די יודישע פאלקס-שאפונגען, צום פאלקלאר און עטנאגראפיע.

דערקענען די סאציאלע עקאנאמישע בעדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט די יודישע בעפעלקערונג און בעזונדערע יודישע ישובים, ווי צום ביישפיל דאס אויספארשען די ארטיגע אייגענארטיגע פרנסות, דעם לעבענס-שטייגער פון די בעזונדערע פאכען וכדומה, דאס איז אויך א וויכטיגע אויפגאבע פון דער י. ג. פ. ל.

(סוף קומט)

פ. בלומענקראנץ

צו דער בענייטער טעטיגקייט פון דראמאטישען קרייז און זיינע ערשטע אויפטריטען.

נ א ט י צ ע ן.

זעהר גוט האט דער דראמ. קרייז געטהון מיט'ן בעגינען זיין ארבייט. אין אונזער ארטיגער אונערטרעגליכער וואכענדיגקייט און אויסטערלישער אבגעשטאנענקייט — איז דער דאזיגער פרוב פון צונויפנעמען עטליכע צעהנדליג יונגע מענשען און זיי עטוואס גייסטיג אויפרישען, דערוועקען ביי זיי אנ'אינטערעס צו דער ביהנע — אונבעדינגט א דערפרעהענדע ערשיינונג און דארף דורך אלע, וואס האבען נאך א געוויסע פעראינטערעסירונג פאר עגליכע אנשטרענגונגען — אונטערגעשטיצט צו ווערען.

די אינאוגוראציע - אויפפיהרונג פון דראמ. קרייז איז אויסגעפאלען אויף דער רעפערטואר פיעסע „אורטייל" פון ס. לעוויטינא.

נישט וועלענדיג זיך ארייגלאזען איצט אין א וויכוח וועגען דער ליניע פון רעפערטואר - אויסוואהל (דאס איז אנ'ענין אויף שפעטער) ווילען מיר אבער אין צוזאמענהאנג מיט דער געגעבענער פארשטעלונג צוגעבען, אז הגם דער „אורטייל" איז קאנסטרואירט אין בילדער, וואס שטערט אין א גרויסער מאס דאס „דערווארעמען זיך" פון שפילער מוזענדיג דעם עפעקט ארויסרופען פיעל מאל מיט איינצעלנע ווערטער — איז דעם קרייז דאך געלונגען ארויסצובערענגען דעם געהעריגען עפעקט אין מאנכע סצענעס, ווי: מיט'ן גענעראל סוכאוו אדער די פינאל-סצענע — זענען פשוט געווען איינדרוקספול.

וואס איז נוגע אנטיילנעמער האבען געצייגען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט אין דער ערשטער רייהע: ש. פראנק (אלס פאטער און בעזונדערס אלס גענעראל), פר. ראזינער (חברטע אזאל), מ. קאהן (קאמיסאר), וועלכער האט אויך די פיעסע רעזשיסירט, אורבאך (פאראפיאנאוו), ווייס (באריס), פרל. בערקאוויטש און פר. טענענבוים (קאמיסאר'ס ווייב).

בנוגע פר. טענענבוים כאטש עטליכע ווערטער:

געבענדיג איהר די שווערסטע און פעראנטווארטליכסטע ראל האט דער רעזשיסער ווי פערזעהן צוויי זאכען (מעגליך ער האט נישט געהאט קיין עצה)· ערשטענס: אז איהרע אויסערליכע בעדינגונגען זענען נישט פאסיג צו דער ראל; צווייטענס: בעזיצט זי נישט קיין דיקציע (געהעריגער שטים-מאטעריאל און בעזונדערס: מאדולאציע, פעלט אנדערע אויך, נור דאס איז שוין די אויפגאבע פון להבאה'דיגען רעזשיסער).

פר. טענענבוים פערדינט אונבעדינגט צו פערנעמען א פלאץ אויבענאן אין דער סעקציע. זי איז א געפיהלפולע און האט ווירקליך געשפילט די פינאל סצענע זעהר רירענד. אבער די דאזיגע ראל איז נישט געווען פאר איהר און קודם כל מוז זי מעהר אכט לעגען אויף דער דיקציע. (ס'איז זי פשוט שווער צו פערשטעהן), ווען מ וועט איהר צוקליבען פאסיגע ראלען וועט זי קענען דעם קרייז פיעל געבען, און וועגען דעם איז כדאי צו געדענקען.

* *

נאך מוזען מיר זאגען לשבח פון קרייז, אז ער האט זיך בעמיהט צו געבען כאטש א פיצינקעלע אויסשטאטונג דער סצענע.

מישטיינס געזאגט סצענע! די ארטיגע קלאגליכע בעדינגונגען זענען פשוט א קללה פאר יעדערער אויפפיהרונג. די סצענישע בעדינגונגען זענען אזעלכע פאטאלע, אז יעדער מענש מיט די קלענסטע עסטעטישע פערלאנגען מוז פיהלען א בייגעשמאק. די אנשטרענגונגען פון די שפילער ווערען בלאס און צו-נישט ביי די דלות'דיגע סצענישע בעדינגונגען, וועלכע מאכען אלץ צונישט דורך זייער געבעכדיגקייט. ס'איז א חרפה פאר דעם יוד. טשענסטאכאוו, וואס איגנארירט אויף אנ'-אויסטערלישען אופן די אויסערליכקייט, וועלכע שפילט א קאלאסאלע ראל אין ז'ער טעאטער-קונסט.

דער דראמ. קרייז האט זיך בעמיהט אין די ראהמען פון זיינע בעשיידענע מעגליכקייטען צו געבען דער סצענע אביסעל א לייטיש פנים. אויב ס'איז איהר נישט געלונגען אינגאנצען ווייזט עס אבער וועגען זיין ערנסטער בעציהונג צו דער ארבייט.

* *

איצט א פראגע:

צי האט דער קרייז אין יעצטיגען צונויפשטעל עקזיסטענץ-בערעכטיגונג?

אונבעדינגט!

ער בעזיצט א גאנצע רייהע פעהיגע מיטגלידער. אויך די ערשט צוגעקומענע ווייזען ארויס סצענישע פערשטענדניש (די מיטגלידער וועלען אונז מוחל זיין, וואס מיר האבען נישט אויסגערעכענט אלע ביים דערמאנען די שפילער. פשוט: טעכנישע טעמים).

און נישט נור וואס ער מעג עקזיסטירען, נור ער דארף! אויפ'ן ארטיגען עקרה'דיגען באדען, וואו קיין שום קולטורעלע אינסטיטוציע קען זיך נישט דערהאלטען און די יוגענד וועגעטירט אויף א פאסקודנע אופן צוזאמען מיט'ן אלטווארג, נישט ארויסווייזענדיג קיין שום שוואונג און איניציאטיוו—איז אנ'-ענהליכע ערשיינונג א סימן, אז עס טליעט נאך א פונק פון ווילען ביי מאנכע מענשען, אז נישט אלע האבען שלום געמאכט מיט דער שבת-נאכמיטאג'דיגער שטילקייט אין היגען קולטורעלען לעבען!

אויב די מענשען זוכען ערשט א וועג פון אויסלעבען זיך דארף מען זיי העלפען; אויב זיי קומט עס שווער אן אליין אהן מורי-דרך צו לערנען זיך — זאלען זיי זיך נישט אבשרעקען.

זאלען זיי געדענקען, אז וועלען הייסט מוזען און מיט'ן "מוז" קען מען פיעל אויפטהון!

איז פונקט אזוי פעהיג צו יעדער ארבייט, ווי דער נישט-יוד, אויב נישט נאך פעהיגער.

איז געקומען אין שטעדטיל...

נישט קיין חזן, כאטש מיר טשענסטאכאווער מאכען פון קיין חזן אויך נישט קיין צימעס. אט למשל, זענען געווען ביי אונז די קוסעוויצקע'ס, בארנשטיין א. אנד. גרויסע חזנים, און ס'איז קיינער נישט געקומען זיי הערען. איצט אבער מיין איך נישט קיין חזן, נאר א קינסטלער, א סקולפטאר.

וואס שייך צו זאגען, מיר מעגען שטאלץ זיין מיט אונזער טשענסטאכאווער אינטעליגענץ, זיי האבען שוין איינמאל א זין פאר קונסט... אט איז געקומען צו פאהרען קיין טשענסטאכאוו דער בעוואוסטער קינסטלער כיימאוויטש מיט א בילדער-סקולפטור-אויסשטעלונג, ער איז אבגעזעסען גאנצע 10 טעג און קיינער איז אפילו נישט געקומען אנקוקען די בילדער.

וואס שייך צו זאגען—מיר מעגען שטאלץ זיין מיט אונזער טשענסטאכאוו, אהעוו מעג מען קומען צו פאהרען...

זיי ברענען א וועלט.

דאס מיין איך די „גוט-שבת-יודעלעך", וועלכע ברענען א וועלט און האבען פון דער דאזיגער אזוי-נישטיגער אקציע געמאכט א גרויסען געזעלשאפטליכען ענין.

פון וואך צו וואך מעהרען זיך די פעטענטען, און דעריבער האבען זיי קאמיטעט-ליים לעצטענס, אויסער די פראדוקטען, וואס זיי נעמען צוזאמען, אנגעהויבען קויפען נאך פאר עטליכע צענדליג זלאטעס געבעקס וועכענטליך און דאס אלץ איז נאך צו וועניג.

דעם קינפטיגען זונטאג מאכען די „גוט-שבת יודעלעך" אנ'אלגעמיינע פערזאמלונג און עס וואלט געווען א יושר, אז א גרויסער טייל פון אונזערע שטאדט בעל-בתים זאלען קומען אויף דער דאזיגער פערזאמלונג און זיך פעראינטערעסירען מיט דער דאזיגער „תומכי-עניים"-געזעלשאפט, וואס פיהרט אויס אין דער איצטיגער שווערער צייט א גרויסע און הייליגע אויפגאבע.

זיי קומען.

איצט, רבותי, קאן איך אייך שוין אנזאגען די בשורה, אז די טרופע קדישכאש מיט זייער אנסאמבל קומען אויף בעשטימט קיין טשענסטאכאוו אויף דעם 22-טען און 23 טען ד. ח.

שפיעלען וועלען זיי אין אטלאנטיק". פאקטיש האבען זיי געהאט בדעה צו שפילען אין „לונא", כאטש דער דאזיגער קינא איז נישט געאייגענט פאר א טעאטער-זאל, נאר וועלענדיג נאכקומען דעם טעאטער-עולם, האבען זיי געוואלט מוותר זיין און שפיעלען אין „לונא", ליידער האט זיך עס נישט איינגעגעבען און זיי וועלען שפיעלען אין קינא „אטלאנטיק", וואו דער אייגענטימער האט זיי געמאכט הנחות און מעגליך-געמאכט צו געבען עטליכע פארשטעלונגען.

אלוא, רבותי, טעאטער-געהער! אין דער דרוקעריי פון ה' באטשאן בעקומט מען שוין בילעטען. פערזוימט נישט און קויפט כל זמן ס'איז נאך דא, ווייל זיי קומען שוין צו אונז אויף בעשטימט.

„ראזקאז"...

ס'איז א גרויסער טעות צו מיינען, אז די דיסציפלין ביי די האנדווערקער איז קאליע געווארען. פערקעהרט, איך מיין, אז וויפיעל די פערשידענע פארטייען זאלען וועלען רייסען שטיקער פון די האנדווערקער, וועט זיי דאס נישט געלונגען, ווייל די דיסציפלין איז ביי זיי טיעף איינגעווארצעלט, זי איז אזוי צו זאגען א כראנישע.

די אלע אימפרעזעס, וואס פערשידענע אינסטיטוציעס ארדנען לעצטענס איין, גיבען זיך זעלטען איין און אט האבען די האנדווערקער אבגעדינגען א פארשטעלונג ביים היגען דראמאטישען קרייז און א בעפעהל איז ארויסגעגאנגען אין דער מחנה האנדווערקער: מען מוז געהן אין טעאטער אריין און באסטא! אלע, אלט און יונג, פרומע און פרייע, אלע זענען געלאפען אין טעאטער אריין. ס'וואלטען געקומען נאך מעהר האנדווערקער, נאר אז ס'איז שוין מעהר קיין פלאץ נישט געווען איז דאך נישט שייך.

אזוי איז מיט די האנדווערקער, אפילו אין טעאטער אריין, ווען מען הייסט זיי, פרעגען זיי נישט קיין שאלות און געהן. ביי זיי איז דיסציפלין —

„ראזקאז".

אונזער טרייסט.

דאס איז געווען אויף דער פייערונג פון דער נייער פראכטיגער שול-געביידע, וועלכע איז אויסגעפערטיגט געווארען אויף דער נארוטאוויטשא גאס.

מילא, וועגען דער פראכט און שעהנקייט וועל איך איצט נישט דערצעהלען, ווייל צו וואס זיך אליין קרענקען ווען פאר די יודישע קינדער האבען מיר נישט קיין ספעציעלען שול-בנין. עס איז געווען א „ויחד": איך האב זיך געפרעהט, וואס מען בויט נישט בלויז תפיסות, אדער מען פערטיגט אויס הארמאטען, נאר — שולען און אביסעל האט אונז וועה געטהון דערפאר, ווייל אונזערע יודישע קינדער האבען נאך צו דעם נישט זוכה געווען.

אבער דאס געפיהל האט נישט בלויז מיך בעהערשט, נאר אויך די אנדערע יודישע אנוועזענדע, די אפיעקונעס פון די יודישע פאוושעכנע שולען און ווען מיר זענען אהיימגעגאנגען האט דער הויפט-אפיעקון פון דער פאוושעכנע שולע ה' א. ווייס מיר געזאגט: ווייסט איהר וואס, פאניע לויתן, אז מיר, יודען, האבען היינט אויך אבגעטהון א שטיקעל ארבייט, דהיינו: מיר האבען צוטיילט 60 פאר שיכלעך פאר ארימע שול-קינדער.

מיט דעם האט ער געוואלט פערשרייען דעם וועהטאג, וואס האט גענאגט אין הארצען.

זאל דאס זיין אונזער טרייסט...

יזכור.

אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון „מחזיקי הדת" האט מען, בעת עס איז געקומען צו דער פראגע צו שאפען הכנסות, דערמאנט דעם פארשלאג וועגען די יאהרצייטען, וואס דארף זיין א קוואל פון הכנסות פאר דער דאזיגער תלמוד-תורה.

דער פראיעקט-געבער האט עס מאטיווירט אויף פאלגענדען אופן:

די היינטיגע יודען האבען מעהר ליעב זייערע עלטערן, ווי דעם הימעל און אפילו די יעניגע, וועלכע קומען נישט א גאנץ יאהר צום דאווענען, קומען אבער צו „הזכרות נשמות" און היטען אב די יאהרצייטען פון זייערע עלטערן, דעריבער זאלען די דאזיגע יודען געבען א פאר גילדען פאר דער „מחזיקי הדת", וועט מען אין טאג פון דער יאהרצייט לערנען און זאגען קדיש פאר דער נשמה פון פערשטארבענעם און די אקציע ווערט זיכער געקרוינט מיט ערפאלג.

מען האט גערעדט נאך וועגען א הכנסה, דהיינו: כמעט אלע ישיבות שיקען ארויס משולחים, וואס זאמלען געלד אין אלע שטעדט פון פוילען. זאלען אט די דאזיגע משולחים מוזען אראבגעבען 20 פראצענט פון זייערע הכנסות פאר „מחזיקי הדת". דער דאזיגער פראיעקט איז אבער א צווייטראנגיגער. אלע האבען זיך אנגעכאפט אין ערשטען פראיעקט, וועלכער איז מעהר רעאל און האט גרויס ערפאלג.

אזוי איז עס, יעדער מענש האט דרך-ארץ פאר זיין מאיעסטעט — דעם טויט.

יזכור...

לויתן

צוזאמענפאהר פון די יודישע ראטמענער צו דער קעלצער האנדווערקער-קאמער

און דעלעגאטען פון די האנדווערקער-ארגאניזאציעס פון דער קעלצער וואיעוואודזטווא אין טשענסטאכאוו.

די וואך איז אין טשענסטאכאוו פארגעקומען א צוזאמענפאהר פון די יודישע ראטמענער צו דער קעלצער האנדווערקער-קאמער און דעלעגאטען פון די האנדווערקער ארגאניזאציעס פון קעלצער וועיעוואודזטווע. סך הכל 20 דעלעגאטען.

פערטרעטען זענען געוועזן די שטעדט: טשענסטאכאוו, קעלץ, ראדאם, בענדין, סאסנאוויץ, זאווירטשע, וולאשטשאווא און אנד.

אויפ'ן טאג-ארדנונג שטעהן פאלגענדע פראגען: 1) אונזער שטעלונג צו די האנדווערקער-קאמערן, 2) דער ווירטשאפטליכער קאמיטעט, 3) דער וואיעוואודזטווע-צוזאמענפאהר אין קעלץ גערופען דורכ'ן צייטווייליגען פראוויזאריום אין ווארשא.

דעם צוזאמענפאהר האט געפיהרט ה' סאמועל קאץ. דעם פארזיץ האט געפיהרט ראט. יוסף גאלדבערג.

בעת ס'איז בעהאנדעלט געווארען די פראגע וועגען האנדווערקער-קאמערן איז געקומען צום אויסדרוק אלע אנגעוועהטאגטע פראגען וואס שטעהן אויפ'ן סדר-היום פון יודישען בעל-מלאכה אין היינטיגען טאג און עס זענען געפאסט געווארען געהעריגע רעזאלוציעס.

וועגען דער פראגע פון די ווירטשאפטליכע קאמיטעטען איז בעשלאסען געווארען אנצונעמען אנ'אבווארטענדע שטעלונג.

וועגען קעלצער צוזאמענפאר איז בעשלאסען געווארען אזא צוזאמענפאהר נאכנישט צוזאמענצורופען דאגעגען ווערט דער צייטווייליגער פראוויזאריום אויפגעפאדערט אין די נאהנטסטע טעג צוזאמענצורופען דעם צ. ק. אין ווארשא וואו ס'זאלען בעטראכט ווערען אלע לויפענדע פראגען.

האלב איינס ביינאכט איז דער צוזאמענפאהר געשלאסען געווארען.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון „מחזיקי-הדת".

זונטאג איז אין אייגענעם לאקאל פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון „מחזיקי-הדת".

די פערזאמלונג עפענט פרעזעס קרעל. אלס פארזיצער ווערט אויסגעוועהלט ה' פראדעלסקי. אלס בייזיצענדע די ה"ה: ה. גרונדמאן און וו. פיאטרקאווסקי. סעקרעטאר ה' זעליגמאן.

דעם בעריכט גיט-אב ה' קרעל און, ווי עס ווייזט זיך ארויס, לערנען אין „מחזיקי-הדת" ביז 400 קינדער. דער בילאנס האט בעטראפען אין פערגאנגענעם יאהר די סומע פון 22.162 זל.

נאך א דיסקוסיע, אין וועלכער ס'נעמען-אנטייל די ה"ה: לעווקאוויטש, סילמאן, מ. יאקובאוויטש, ישראל'קע טשענסטאכאווסקי, מ. מרגליות, מ. פאגעל, ש. ערליך, ל. רייכער, ישכר מאשקאוויטש, בערמאן, פ. דימאנט, טאביאש און אנד. ווערט דער בעריכט אנגענומען.

עס ווערט בעשטעטיגט דער בודזשעט אויפ'ן קינפטיגען יאהר אין דער סומע פון 25 טויזענד זל.

עס ווערען אנגענומען א רייהע פרייע פארשלאגען, צווישען אנדערע אויך וועגען איינארדנען יאהר-צייטען א. אנד. אימפרעזעס.

אין דער פערוואלטונג ווערען אויפסניי אויסגעוועהלט די ה"ה: מנשה מרגליות, ישראל'קע טשענסטאכאווסקי און אברהם נפתלי האראוויטש.

ס'ווערען אויך נאך צוקאאפטירט צו דער פערוואלטונג די ה"ה: בנימין רובין, יהודה קאהן, ישכר מאשקאוויטש און סילמאן.

אויסערגעוועהנליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער באנק-ספולדיעלטשי, אלעע 7.

פערגאנגענעם זונטאג איז אין לאקאל פון יוד. הויזווירטען-פעראיין, אלעע 6, פארגעקומען אנ'אויסערגעוועהנליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער באנק ספולדזיעלצי (אלעע 6).

די פערזאמלונג עפענט ה' שפירא. אלס פארזיצער ווערט אויסגעוועהלט ה' ל. קאפינסקי, אלס בייזיצענדע די ה"ה ק. קעלציגלאווסקי און י. איצקאוויטש. סעקרעטאר — מ. היימאן.

עס ווערט בעשלאסען, אז לויט'ן ארט. 36 פון קאאפעראטיווען געזעץ קאן יעדער מיטגליד געניסען פון קרעדיט 10 מאל אזוי פיעל וויפיעל ער האט פאיען. אנ'אויסנאהם ווערט געמאכט פאר 10 פראצענט מיטגלידער, וועלכע קאנען, לויט'ן איינזעהן פון דער פערוואלטונג, געניסען 20 מאל אזויפיעל וויפיעל זיי האבען פאיען.

דער דאזיגער בעשלוס איז חל ביז מאי 1936, ד. ה. ביז צו דער צווייטער אלגעמיינער פערזאמלונג. נאכ'ן אננעמען דעם וויכטיגען בעשלוס ווערט די פערזאמלונג געשלאסען.

דער וואיעוואדע האט נאכנישט אנגענומען קיין בעשלוס וועגען בעשטעטיגען די שטאדט-ראט-וואהלען אין טשענסטאכאוו.

ווי בעוואוסט, זענען די וואהלען צום שטאדט-ראט אין טשענסטאכאוו פארגעקומען נאך דעם 27-טען מאי פ. י. און צוזאמען מיט די רעזולטאטען פון די וואהלען אין היינטיגען בעשטעטיגט געווארען דורך דער אויפזיכטס-מאכט, ד. ה. דורך דער וואיעוואודזטווע.

דערמאהנט געווארען די קרייזען 4, 10 און 11, אלס די, אין וועלכע די זאלען פערהערט ווערען נייע וואהלען.

די דאזיגע קלאגען האבען זיך אבער נישט בעשטעטיגט. דער פארזיצער פון דער הויפט-וואהל-קאמיסיע, ריכטער טרזשעבינסקי, האט אויך אנ'אנפראגע פון א היגען זשורנאליסט ערקלערט, אז די לאגע האט זיך דערוויילע בכלל נישט געענדערט, ווייל דער וואיעוואדע האט דערוויילע נישט אנגענומען קיין שום בעשלוס וועגען די שטאדט-ראט-וואהלען.

דעם רעזולטאט פון די וואהלען אין עטליכע קרייזען אין עס זענען אפילו לעצטענס פערשפרייט אין שטאדט קלאגען, אז דער קעלצער וואיעוואדע האט בלומר'ט נישט גיוולט בעשטעטיגען

בעקאנטמאכונג.

פרייטאג-צו-נאכטס פ' תצוה 8 אזייגער אין לאקאל פון „מזרחי" אלעע 10

קומט פאר **א רעפעראט פון הרה"ג ר' יצחק גראסמאן**

שליט"א אב"ד ד"ק גראיעוו

א. ד. ט.: „די אויפגאבען פון רעליגיעזען יודענטום אין יעצטיגען מאמענט".

שבת האלב 5 נאכמ. קומט פאר א עונג שבת מיט דער בעטייליגונג פון גראיעוועער רב.

חברים און סימפאטיקער ווערען געבעטען צו קומען.

אכטונג מיטגלידער פון דער געז. „לירא".

אלע מיטגלידער פון דער געז. „לירא" ווערען געבעטען צו איבערגעשריבען זיך ביז'ן 20-טען ד. ח. אין לאקאל פון זש. ט. ק. (אלעע וואלנאשטשי 2). דער סעקרעטאריאט איז געעפענט פון 9 ביז 10 אווענד.

נדבות אין רעדאקציע פאר „תומכי עניים".

ה' ש. י. אברעמזאהן 30 קילא ברויט, ה' א. ב. זילבערשאץ 22 קילא ברויט, ה' ז. ראזענוויץ 20 קילא ברויט, ה' ז. קרעמסקי 12 קילא ברויט און ה' ל. טשענסטאכאווסקי 5 קילא חלות.

געשאפען אנ'„עת לבנות" ארגאניזאציע אין אונזער שטאדט.

פיי אונז אין שטאדט איז לעצטענס געגרינדעט געווארען אן אפטיילונג פון וועלט-פערבאנד פון אלגעמיינע ציוניסטען, וועלכע ווערט שוין לעגאליזירט.

„פריילין דאקטאר".

דאס מאל קומט צו אונז ארויב די בעוואוסטע קינסטלערין אידא קאמינסקא מיט א טשענסטאכאווער פיעסע א. נ. „פריילין דאקטאר", וועלכע האט געמאכט א גרויסען רושם אויף אלע ביהנען, וואו די פיעסע איז נאר געשפילט געווארען.

ווי מען אינפארמירט אונז, ווערט געגרייט ספעציעלע דעקאראציעס צו דער דאזיגער פיעסע.

„פריילין דאקטאר" — דאס איז דער נאמען פון א שפיאנין, וואס האט זיך בעריהמט געמאכט בעת דער וועלט-מלחמה מיט איהר דירעקטיוו אין אלאנטארס. די דאזיגע ראל ווערט אויסגעפיהרט דורך דער אונפארגלייכליכער קינסטלערין אידא קאמינסקא, וועלכע שפילט מיט אנ'אויסגעצייכנטען אנסאמבל און דאס גיט די בעסטע גאראנטיע, אז דאס וועט זיין א פרעכטיגע פארשטעלונג.

ס'איז כדאי צו בעמערקען, אז א טייל פון די הכנסות איז בעשטימט פאר דער פאפולערע געז. „תומכי-עניים" (נוט-שבת יודעלעך).

די אויפפירונג קומען-פאר אין קינא „לונא" היינט פרייטאג 9 אווענד און מארגען שבת 4 נאכמ. און 9 אווענד.

א „באמבע" אויפ'ן מאגיסטראט-הויף.

דעם 12 ד. ה. אין די מיטאג-שעה'ן האבען די בעאמטע פון מאגיסטראט פלוצלינג דערהערט א שטארקע דעטאנאציע און באלד דערזעהן אויפ'ן הויף פון מאגיסטראט א שווארצען רויך.

ס'איז ענטשטאנען א מהומה און באלד האט זיך פערשפרייט א קלאנג, אז עמיצער האט געווארפען א באמבע.

באלד האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז דער אויפרייס איז געווען א צופעליגער. אויפ'ן הויף פון מאגיסטראט האט אנ'ארבייטער גערייניגט א פאס פון בענזין. וואלענדיג שנעלער פערטיג ווערען מיט דער ארבייט האט ער אויפ'ן הויף געמאכט א פייער און דאס פאסעל צוגעלעגט צו דער פלאם. די בענזינגאזען האבען אבער אויפגעריסען דאס פאס און דעטאנירט. צום גליק איז דער ארבייטער בעצייטענס ענטלאפען און א זייט, אזוי, אז עס האט זיך נעבעכדיג בלויז מיט שרעק אהן בעוואונדעטע שאדען.

פון ב"עס.

היינט פרייטאג, דעם 15-טען, 8 זייגער אווענד קומט פאר א שיחה, בעפיהרט דורך ה. ל. קאפינסקי אויף אקטועלע טעמעס.

מארגען שבת, דעם 16 טען 3 א זייגער נאכמ. קומט פאר א רעפעראט פון ה' אברהם לענטשנער א. ד. ט. די אויפגאבען פון דער נאציאנאלער ארבייטער ארגאניזאציע אין ארץ-ישראל. איינגאנג פריי.

22.278 קינדער לערנען אין די טשענסטאכאווער שולען.

די שטאדטישע בילדונגס-און קולטור-אפטיילונג האט אין ליסטאפאד 1934 אדורכגעפיהרט אנ'אנקעטע וועגען דעם שול-וועזען אויפ'ן שטח פון אונזער שטאדט. אין רעזולטאט זענען גוזאמעלט געווארען אין אלע שולען זעהר אינטערעסאנטע סטאטיסטישע ציפערן.

ווי ס'ווייזט זיך קודם-כל ארויס פון דער דאזיגער סטאטיסטיק, לערנען אין די טשענסטאכאווער פריוואטע און פאלקס שולען (פאוושעכנע, מיטעל, פראפעסיאנעלע א.א.וו.) 22.278 קינדער, פון וועלכע 11.149 יונגלעך און 11.129 מיידלעך.

לויט'ן טיפ פון די פערשידענע שולען לערנען: אין די שטאדטישע פאלקס-שולען 620 קינדער, פריוואטע פאלקס-שולען — 414, עפענטליכע פאווששעכנע שולען — 16395, פריוואטע פאווששעכנע שולען — 945, מלוכה'שע מיטעל-שולען 1395, פריוואטע מיטעל-שולען — 543 שילער, פאלקס-אוניווערזיטעט, פראפעסיאנעלע שולען — 1966 שילער.

טשענסטאכאווער קאלאניע פון י.ג.ל.פ. אין זאקאפאנע.

די טשענסטאכאווער אפטיילונג פון י.ג.ל.פ. ארדענט-איין דעם 28 פעברואר אין זאקאפאנע נור פאר מיטגלידער און סימפאטיקער א 10 און 14 טאגיגע קאלאניע מיט אויסגעלונגען און ספעציעלן סקי-קורס. די קאלאניע געפונט זיך אין יאשטשורובקא—זאקאפאנע, איינע פון די שענסטע מקומות פון זאקאפאנע.

איינשרייבונגען אין סעקרעטאריאט פון י. ג. ל. פ. יעדען אווענט פון 9—10 און ביי ה' רזשאנזשינסקי (אלעע 29).

פון דער יודישער געזעלשאפט פאר לאנדקענטעניש.

שבת, דעם 16-טען ד. ח. 7 א זייגער אווענט, דעם ערשטען אין 8 אין צווייטען טערמין קומט פאר אין לאקאל פון דער געז. (אלעע וואלנאשטשי 2) דער המשך פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג.

צוליב דעם, וואס אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג וועלען בעריהרט ווערען ענינים, אין וועלכע ס'איז אבהענגיג די ווייטערדיגע עקזיסטענץ פון דער געז. איז די אנוועזענהייט פון אלע מיטגלידער אנבעדינגט נויטיג און פערפליכטענד.

פון „מזרחי".

ווי מען מעלדעט אונז וויילט איצט אין אונזער שטאדט דער בעקאנטער טאלמיד-חכם און גאון, רבה של גראיעווא מו"ה ר' יצחק גראסמאן פון גראיעוו.

אויף דער בקשה פון היגען מזרחי און תנועת תו"ע וועט דער רב האלטען א רעפעראט אין לאקאל פון מזרחי פרייטאג-צו-נאכטס 8 א זייגער אווענד א. ד. ט. „די אויפגאבען פון רעליגיעזען יודענטום אין יעצטיגען מאמענט".

נעמענדיג אין בעטראכט די פאפולערע פערזענליכקייט פון חשוב'ן רב, וועט דער רעפעראט זיכער ארויסרופען א גרויסע פערזאמלונג.

שבת, האלב 5 א זייגער נאכמיטאג וועט פארקומען א עונג שבת מיט דער בעטייליגונג פון גראיעוועער רב.

פון דער יודענשטאטספארטיי.

שבת, דעם 16 ד. ח. 9 אווענד וועט פארקומען אין אייגענעם לאקאל (אלעע 8) דער המשך פון דער סימפעל אווענט, פערבונדען מיט א טהעע אווענט.

יעדען זונטאג אין מיטוואך קומען פאר לעקציעס פון לעקציעס אין 2 קורסען: פאר אנפאנגער און פארגעשריטענע אונטער דער ליטונג פון ה' קוטנער.

יעדען מאנטאג און דאנערשטאג 9 אווענד קומען פאר לעקציעס פון ציוניסטישער געשיכטע אין סטאטאסווינעסאס, אנגעפיהרט דורך ה' מגר. בראטמאן.

ביז יעצט זענען שוין פארגעקומען קרוב 70 לעקציעס.

עס איז געשאפען געווארען א פרעלעגענטען קרייז אונטער דער אנפיהרונג פון ה' מגר. בראטמאן. די קורסען וועלען פארקומען יעדען דינסטאג אנהויב 8.30 אווענד.

יעדען פרייטאג אווענד פיהרט אן ה' בראטמאן אינגש. ארלינסקי מיט א שיחת-חברים אין „דבורה" אנהויב 8 אווענד.

יעדען שבת 4 נאכמיטאג קומט פאר א וועכענטליכער פרעסע-איבערזיכט, געפיהרט דורך דעם ה' ווארשאווער.

געגען די רדיפות אויף יודיש אין ארץ-ישראל.

אין צוזאמענהאנג מיט די לעצטע ברוטאלע אנפאלען פון די העבראאיסטען אויף דער זשורנאליסטען לובאן און אויפ'ן פאריודישען ארגאן „ניי-וועלט" אין תל-אביב איז, דורך דער איניציאטיווע פון די לינקע פועלי-ציון געשאפען געווארען אין טשענסטאכאוו אנ'אקציע-קאמיטעט פון אלע פאלקס-פאריינען, קולטור-געזעלשאפטען און ארבייטער-קלובען אין קאמף פאר יודיש אין פאלעסטינא.

ס'איז אויך אונטערגענומען געווארען אנ'אקציע צו שאפען געלד און יודישע ביכער פאר דער פאלעסטינא-ארבייטער-שטוב.

פון ברית הקנאים (בר"ק)

דער גרינדער און מספד פון היגען בר"ק אח בינעם האפמאן איז אבגעפאהרען נאך ארץ-ישראל.

אלס מספד איז בעשטימט געווארען אח חיים איצקוביץ. אין דער מפקדה געהערען: חיים איצקוביץ, דזשאבא, הופמאן, זילבערשצובגא, סטאבינצקי, נוסבאבאומבגא און אלטמאן.

דער קן האט זיך לעצטענס זעהר ענטוויקעלט און צעהלט איבער 120 אקטיווע אחים-יות.

שבת, דעם 16 ד. ח. 3 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר א אספת-הקן מיט דער בעטייליגונג פון ח. מגר. בראטמאן.

פון „בעלי מלאכה דתיים".

לויט ווי מען מעלדעט אונז ווערט געפיהרט ביים „בעלי מלאכה דתיים" א אינטענסיווע טעטיגקייט ספעציעל אויפ'ן קולטורעלען געביט. עס קומט פאר א שיעור חומש יעדען שבת 2 א זייגער נאכמיטאג. אויך קומען פאר שיעורים נ"ך אין העברעאיש ווי אויך געשיכטע פון ציוניזם מזרחיזם.

גלייכצייטיג איז געשאפען געווארען א מנין, ווי אלע חברים קומען זיך צוזאמען צום דאווענען. אויך ווערען איינגעארדנעט פון צייט צו צייט חברים-פערזאמלונגען און רעפעראטען.

פון ברית הצהר.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם פראקלאמירען דעם חודש פעברואר אלס רעוויזיאניסטישער פראפאגאנדע חודש פאר'ן ציוניסטיש-רעוויזיאניסטישען געדאנק, ווערט פראיעקטירט דורך דער פערוואלטונג פון היגען הצה"ר צוזאמענרופען קיין טשענסטאכאוו א אונטערקרייז-קאנפערענץ פון אלע רעוויזיאניסטישע גרופירונגען ווי אויך א מאסען-אקאדעמיע אויף א' אדר ב', וואו ס'זאלען אויס טרומפעלדאר'ס יאהרצייט.

אין צוזאמענהאנג דערמיט קומט פאר שבת, דעם 16-טען ד. ח. האלב 6 אווענד אין לאקאל פון ברית-הצהר א בעראטונג פון אלע ועדים און מפקדות פון ארטיגע רעוויזיאניסטישע גרופירונגען אונטער דעם פארזיץ פון ש. ניעמיראווסקי.

אויף דער לעצטער זיצונג פון דער הצה"ר-פערוואלטונג איז בעשלאסען געווארען אויסצוזוכלען א רעוויזיאנס-קאמיסיע פאר דעם קרן-תל-חי ועד מיט פאלגענדע פערזאנען:

פרעז. ש. ניעמיראווסקי, הערמאן הערצבערג און אינזש. ה. שפיץ.

אבקלאנגען פון דער אפערע פון „ראד-אינסטיטוט".

מיט עטליכע חדשים צוריק האבען מיר געשריבען וועגען א געוויסען א.ג. „ראד-אינסטיטוט" אין שלעזיען מיט אנ'אפטיילונג אין טשענסטאכאוו, וועלכער האט זיך בעשעפטיגט מיט ערקויפען פערשידענע ווערטלאזע מעדיקאמענטען אלס כלומרשט ראד-ווירקענדע הייל-מיטלען. סיי די היגע אפטיילונג, סיי די צענטראלע גופא פון דאזיגען „אינסטיטוט" זענען דאן פערמאכט געווארען דורך דער מאכט און דער איינגעמיטער פון דער אונטערנעמונג, סטעפאן שיקארסקי איז ארעסטירט געווארען.

די אפערע פון „ראד-אינסטיטוט" איז איצט ווידער ארויסגעקומען אויף דער טאג-ליכט אין צוזאמענהאנג מיט'ן ארעסט פון דעם אפעריסט וואלף יוסף פערשטער פון פיעטרקאוו, וועלכער איז פערהאלטען געווארען אין וואלקאוויץ הינטער ווארשא.

פערשטער האט א געוויסע צייט „געארבייט" אין שלעזיען, וואו ער האט זיך בעקענט מיט דעם אייגענטימער פון „ראד-אינסטיטוט" שיקארסקי, וועלכען ער האט ארויסגעשלאגען איבערצייגען א פערשטעלונג גרויסע געביידע פאר'ן „ראד-אינסטיטוט".

פערשטער האט אויף אזוי ווייט געוואונען שיקארסקי'ס צוטרוי, אז דער לעצטער האט איהם געגלויבט אין זיינע בהבטחות און איינגעצאהלט אין שותפות איבער 10 טויזענד זלאטעס. דאס געגעבענע געלד האט זיך פערשטער צוגעאייגענט און ענטלאפען. ער האט זיך דאן אויפגעהאלטען אין דארף וואלקאוויץ. אינצווישען איז דער גאנצער „אינסטיטוט" ליקווידירט געווארען, און, א דאנק די מאגאזינערן-אויף איי מאיאן, האט פאליצייע ארעסטירט דעם אפעריסט.

Puder Bebe Szofmana ...ײט 35 יאָהר אין דיענסט פון קינד

פ טערס אמביליגסטען
ווי אין דער פירמא
MICHAŁ AJDELMAN
Częstochowa Piłsudskiego 7
טעל. 13-05, 1-טער שטאָק, פראָנט.

FARBIARNIA, PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2
מיר נעמען אָן צו וואשען קראַגענס מיט לאַנג-דויערענדע שפּיגעל-גלאַנץ, אויך נעמען מיר אָן העמדער צו רייניגען און צו פארבען אלערארט קליידונג.
ספעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס, 2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואשען).
אַכטונג: פלעקען ווערען אַרויסגענומען אויפ'ן אָרט

וויכטיג פאַר שלאָסער און מעטאַלוואַרען-פאַבריקאַנטען !!
מיר עמפפעהלען ערשטקלאַסיגע גערוישלאָזע אויך טריבען לויפענדע
שנעל = בויער = מאַשינען
אין ראַט-גוס ווי אויך אין קוגעל-לאַגער מיט בעוועגליכען טיש און 2 באַקען-פיטער פאַר קראַפט-בעטריעב זעהר פרעציז אויסגעפיהרט און צו מעסיגע פרייזען.
Odlewnia „WULKAN"
Częstochowa, Tartakowa 31—37. tel. 13-93.

Kursy Handlowe pod kier. R. German-Szumacherowej
w II-gim półrocz. szkol.
rozpoczynają wykłady BUCHALTERJI
indywidualnie i w kompletach.
Kancelarja: ul. Dąbrowskiego № 11. mieszk. 5.
front, II-gie piętro, telefon 22-75.
TAMŻE I-sza SZKOŁA PISANIA NA MASZYNACH.

בעזוכט די אויסשטעלונג פון סקולפּטור און מעטאַל-פּלאַסטיק פון בעוואוסטען לאָדזער קינסטלער
ה. כיימאָוויטש
אין לאָקאַל פון זש.ט.ק.
אַלעע וואַלנאַשטשי 2
אָפען יעדען טאָג פון 11 פריה ביז 9 אָוועגד.

די שפּאַנונג איז גרויס —
דאָס יודישע טשענסטאָכאָוו וואַרט
מיט אונגעדולד אויפ'ן
קרן = קימת = באַזאַר!

קינאָ „אַטלאַנטיק".
ווילנער אָפּערעטען-טרופּע
בראש מיט: נחמה, ווינטער, קדיש, חאַש.

נאָר 3 פאָרשטעלונגען
דורכפאהרענדיג אויפ'ן טורנעע קיין לאָדז.
פרייטאָג, ד. 22 פעברואַר 9 אָוועגד
ווערט געשפּילט צום ערשטען מאָל אויף דער היגער ביהנע די גרויסע דזשאַז - אָפּערעטע מיט 20 נומערן געזאַנג, וואָס איז געגאַנגען אויף אַלע אייראָפּאַאישע ביהנעס מיט גרויס ערפאָלג
דער אַמעריקאַנער ליטוואַק
אין 2 אַקטען מיט עפּילאָג פון י. ליעש, מוזיק: אָלשאַנעצקי.
שבת 3-30 נאַכמיטאַג
ווערט געשפּילט דער לעצטער שלאַגער פון דער יודישער ביהנע מיט 20 נומערן געזאַנג
מאָטקע פון סלאָבאָדקע
אין 2 אַקטען פון קאַלמאַנאָוויטש, מוזיק: רומשינסקי.
שבת 9 אַ זייגער אָוועגד
צום ערשטען מאָל אויף דער היגער ביהנע די לעבענס-פּיעסע מיט געזאַנג
נחת פון קינדער
אין 2 אַקטען מיט אַ פּראָלאָג פון י. נעגאַל.
צום שלוס אַ סורפּריז פאַר'ן עולם: אַ גרויסער
געזאַנגס-קאָנצערט א. נ. „פון כל-טוב".
רעזשיסער: קדיש. אַנסאַמבל לויט א. ב.: א. אידינא, ש. בליאַכער, א. גראָדנער,
טעכנישער לייטער: ראַבין. פ. ווינטער, י. חאַש, ע. טאָפּעל, ש. מאַנדל, נחמה,
אייגענע מוזיק, רעקוויזיט, קאָסטיומען. קאַדיש, מ. ראַבין, ע. רייכער, ג. שאַפּירא.
בילעטען שוין צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה' באַטשאַן.
דער זאַל איז גוט בעהייצט. די אָרדנונג איז זאָרגפעלטיג געזיכערט.

א קראַנקער מאָגען
איז אָפט גורם פערשידענע קראַנקהייטען.
ZIOŁA z GÓR HARCU Dra LAUERA
איז אַ גוט מיטעל צום רעגולירען דעם מאָגען. זיי בעזייטיגען אַבסטרוקציע, זענען אַ מילדע, נאַטירליך דורכרייניגונגס-מיטעל. זיי בעזייטיגען די פוילונגס-עלעמענטען, וועלכע פער'סמ'ען דעם קערפּער
ZIOŁA z GÓR HARCU D-ra LAUERA
ווערען אויך גערן געברויכט דורך קראַנקע ביי לעבער-ליידען נירען, גאַל-שטיינער און מערידען.

אָנווייזונגען אויף אַלע שטעדט פון סאָוו.-רוסלאַנד אויף „טאָרגסין" נעמט אָן:
Bank Gospodarstwa Krajowego, Pow. Bank Kredytowy S. A., Tow. „Hias" w Warszawie, Powsz Bank Związkowy, Bank Handlowy. Bank Związku Spółek Zarobkowych, P.K.O. Oddz. Banku Drezdeńsk. w Gdańsku, ווי אויך די פירמעס Biuro Posyłek און B-cia Pakulscy
ווערט = בריעף נעמען אָן אַלע פּאָסט-אַמטען.
פין רעצעפּטער א בעדייטענדע פרייזען-הנחה אויף די איםפּאָרט-און עקספּאָרט-סחורות פון „טאָרגסין".
אינפאָרמאַציעס ערטיילען אַלע דערמאַנטע אינסטיטוציעס און:
Przedst. Handlowe Z. S R. R. w Polsee, Koszykowa № 4. tel. 9-58-33

גרויסע מעגליכקייטען צו געווינען אויף דער לאָטעריע.

נישט יעדער מענש, שפּילענדיג אויף דער לאָטעריע קלערט צו געווינען דאָס גרויסע געווינס. ער וויל אָבער געווינען מעהר ווי די סטאַווקע.

אין דער ערשטער קלאַס האָט ער צו זיין דיספּאָזיציע איין געווינס פון 100.000, 50.000, 20.000, 5 צו 10.000, 10—5.000, 15—2.000, 20—1.000 און פיעל צו 500, 400, 200, 150, 100 און 50 זל. אין אַלגעמיין 13.000 געווינסען.

ביי יעדער קומענדער קלאַס וואַקסען די מעגליכקייטען. אַמאָל איז אין דער 2-טער קלאַס געוועזן 9.100 געווינסען, יעצט אָבער 10.000. אין דער דריטער 6.140 — היינט 8.000 געווינסען. אין דער 4-טער 49.209 — יעצט 76.139 געווינסען מיט דעם מיליאָן אין דער שפּיץ.

די אַלגעמיינע סומע פון אַלע געווינסען אויף דער לאָטעריע איז 22.940.000 זל. עס לוינט זיך צו ריזיקירען אַ פּאָר זלאָטעס און קויפען אַ לאָס.

א בריעף אין רעדאַקציע.

זעהר ג. ה' רעדאַקטאָר!

לעזענדיג אין „היינט" נר. 37 אַ ידיעה פון קעלץ אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן צוזאַמענפאָהר, וואָס איז פאָרגעקומען אין טשענסטאָכאָוו זונטאַג, דעם 10-טען ד. ח., וואו דער קעלצער קאָרעספּאָנדענט פון „היינט" ערלויבט זיך צו מעלדען נישט-פּונקטליכקייטען וועגען די בעשלוסען פון אונזער צוזאַמענפאָהר, בין איך געצווינגען, אַלס פאָרזיצענדער פון דער קאָנפערענץ, פעסטצושטעלען פאָלגענדעס:

עס איז נישט אמת, אַז די דעלעגאַטען האָבען אויף דער קאָנפערענץ זיך אויסגעדריקט מיט פערביטערונג געגען דער פּאָליטיק פון ביזאיצטיגען פיהרער חיים ראַסנער. דאַגעגען איז אמת, אַז דורך דער איניציאַטיוו פון טשענסטאָכאָווער האַנדווערקער - פערבאַנד איז גערופען געוואָרען אַ קאָנפערענץ פון די יודישע ראַטמענער פון דער קעלצער האַנדווערקער-קאַמער און דעלעגאַטען פון פּאָוויאַטאָווע שטעדט, כדי צו בעטראַכטען פראַגען, וואָס האָבען אַ שייכות נאָר אויסשליסליך צו דער קעלצער האַנדווערקער-קאַמער.

אמת איז, אַז די אויפפאָדערונג פון פּראָוויזאָריום צוזאַמענצורופען אַ האַנדווערקער-קאָנפערענץ פון דער קעלצער וואָיעוואודזטווא, איז אָבגעוואָרפען געוואָרען. דאַגעגען האָבען מיר זיך געוואַנדען צום פּראָוויזאָריום וועגען צונויפרופען דעם צ. ק. אין משך פון 4 וואָכען.

ס'וואונדערט אונז ז'עריבער פון וואָנען דער קעלצער קאָרעספּאָנדענט פון „היינט" האָט געשעפּט די פאַלשע ידיעות, אין דער צייט, ווען ער איז בכלל אויף דעם צוזאַמענפאָהר נישט געוועזן אַנוועזענד.

מיט אַכטונג
יוסף גאָלדבערג
פאָרזיצער פון צוזאַמענפאָהר.

פון „מכבי" = לעבען.

פוטבאָל

מאָנטאַג איז אונטער'ן פאָרזיץ פון ה' ווייס פאָרגעקומען די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער פוטבאָל-סעקציע ביי דער אַנוועזענהייט פון איבער 20 מיטגלידער.

נאָכ'ן בעריכט, וועלכען עס האָט אָבגעגעבען ה' בירענהאָלץ, איז געוועהלט געוואָרען אַ נייע לייטונג אין די פערזאָנען פון ה"ה: בירענהאָלץ, וויינבערג, זלאָטניק און קופּפערשמיד.

די טרעניגנגען פון דער סעקציע קומען-פאָר יעדען מאָנטאַג און דאָנערשטאַג אויפ'ן זאַל. עס ווערען אויך אָנגענומען איינשרייבונגען אין דער סעקציע.

באָקס

נאָך אַ לענגערער צייט, וואו די באָקס-סעקציע איז אַרויסגעטרעטען אין דער פרעמד, וועלען דאַסמאָל שבת און זונטאָג פאָרקומען באָקס-קאָמפען וועגען דער מייסטערשאָפט פון „מכבי" אין טשענסטאָכאָוו. עס נעמען אָנטייל העכער 40 פּערזאָן. אינטערעסאַנט וועלען זיין די קאָמפען אין שווערע וואָג.

לויט'ן לעצטען בעשלוס פון דער ספּאָרט-קאָמיסיע איז געוואָרען בעשטעטיגט איינצופיהרען פאַר אַלע סעקציעס א. ג. געזעלשאַפטליכע אָווענדען, וואו יעדער איינציגער מיטגליד אָדער מיטגלידערין וועט קענען פערברענגען אין געזעלשאַפט און געניסען פון קולטורעלען לעבען. דאָס האָט דעם ציעל צו פערשטאַרקען די האַרמאָניע ביי די מיטגלידער.

KINO „EDEN".
די לעצטע סענסאַציע פון פילם — די אין דער גאַנצער וועלט בעליבטע 5-יעהריגע
שערליי טעמפּל
צום 1 מאָל אין טשענסטאָכאָוו אין פילם
ŻYWY ZASTAW
געשיכטע פון אַ מיידעל וואָס איז דורך איהר פאָמער פערזעצט געוואָרען פאַר 20 דאָלאַר.
שבת און זונטאַג האַלב 1 צו 50 גראָשען
Córka gen. Pankratowa

Kino „LUNA"
היינט און ווייטער
פרעהליכע וויענער קאָמעדיע א.נ.
KARNAWAŁ i MIŁOŚĆ
מיט הערמאַן טהימיג
בעקאַנט פון פילם „צסיבי"
חוץ דעם:
אויסגעצייכנטע איבערפּראָגראַמען.

„ATLANTIC"
אַגראָדאָווע 14.
פון שבת-אָן
JAKĄ MNIE PRAGNIESZ?
מיט גרעטאַ גאַרבאָ.
און אַ פרעהליכע קאָמעדיע מיט פּליפּ און פּלאָפּ
POCO PRACOWAĆ

Angielski
francuski
niemiecki
Opłata przystępna.
Kancelarja Kursów: ALEJA № 20
(tel. 10-78)
przyjmuje zapisy.
Kier. Kursów
Leon Wajnsztok
abs. Uniwers. Parysk.

אַ געוועלב מיט 2 צימערן
אין בעסטען פּונקט
שוין צו פערדינגען.
ערקונדיגען אין רעדאַקציע פאַר ב.

שטיצט די געז. „תומכי-עניים"!

פון דער געזעלשאַפט „תומכי עניים" (גוט-שבת-יודעלעך) טיילט מען אונז מיט, אַז פערג. שבת איז פערטיילט געוואָרען אַרום 500 קילאָ ברויט, חלות און אַנדערע פּראָדוקטען צווישען 300 נויטבעדערפטיגע, בכבוד'ע פאַמיליעס.

די פערוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט מאַכט גלייכצייטיג אויפמערקזאַם, אַז כמעט יעדען טאָג ווענדען זיך צו זיי ווענען שטיצע פיעל פערארימטע האַנדווערקער און קליינהענדלער, וואָס געפינען זיך אין אַ זעהר שווערער מאַטעריעלער לאַגע און האָבען נישט פון וואָס דעם טאָג איבערצולעבען. די פּראָדוקטען, וואָס ווערען געזאַמעלט, גענוגען דעריבער נישט פאַר די נצרכים, וואָס נויטיגען זיך אין שטיצע און די געזעלשאַפט איז געצווינגען יעדע וואָך צוצוקויפען צעהנדליגער קילאָ געבעקס, כדי צו קענען בעזאָרגען אַלע נויטבעדערפטיגע.

די געז. „תומכי עניים" ווענדעט זיך דעריבער צו דער גאַנצער היגער יודישער בעפעלקערונג מיט אַ הייסען אַפּעל, אַז קיינער זאָל נישט פעהלען צווישען די פּראָדוקטען-שפּענדער און יעדער זאָל, לויט זיין מעגליכקייט, מיטהעלפען צו לינדערן די נויט פון אונזערע בכבוד'ע, אָרימע ברידער.

מאָביליזאַציע! אין קורצען
דער קרן-קימת-באַזאַר.

די ווילנער אָפּערעטען-טרופּע אין טשענסטאָכאָוו.

ווער געדענקט נישט די וואונדערבאַרע ווילנער אָפּערעטען-טרופּע מיט קדיש, חאַש, נחמה בראש. ווער פון די יודישע טעאַטער-בעזוכער בענקט נישט נאָך זיי און וויל זיך קוויקען מיט זייערע האַרציגע לידלעך און פּרעכטיגען שפּילען.

די צייטען, ווען די ווילנער זענען דאָ געוועזן אין טשענסטאָכאָוו זענען נישט פערגעסען געוואָרען און די אמת'ע טעאַטער בעזוכער האָבען שטענדיג געשטרעבט ווידער צו זעהן די ווילנער אָפּערעטען טרופּע ביי אונז אין שטאָדט.

אָט די דאָזיגע געלעגענהייט וועלען מיר שוין האָבען דעם צווייטען פרייטאָג און שבת, ווען זיי וועלען גאַסטראָלירען ביי אונז מיט דעם שענסטען און בעסטען רעפּערטואַר, וואָס זיי פערמאָגען.

פרייטאָג ווערט אויפגעפיהרט „דער אַמעריקאַנער ליטוואַק", שבת נאָכמיטאָג „מאָטקע פון סלאָבאָדקע" און שבת אָוועגד „נחת פון קינדער" און אַ גרויסער קאָנצערט פון כל-טוב. ד. ה. דריי אויפטריטען און דריי פּיעסען.

די דאָזיגע מעלדונג, אַז די ווילנער אָפּערעטען-טרופּע קומט צו אונז אַראָב אויף עטליכע געצעהלטע פאָרשטעלונגען האָט אַרויסגערופען אַ גרויסע פרייד ביי אַלע טעאַטער-ליבהאָבער און פערעהרער פון די ווילנער, וועלכע איילען זיך צו פערזאָרגען מיט בילעטען.

דאָס קריגעלע געהט אַזוי לאַנג נאָך וואַסער...

דער זדונסקאָוואָלער אַרבייטסלאָזער סטאַניסלאַוו סטודענט איז געפאַלען אויף אַ המצאה ווי אַזוי רייך צו ווערען. ער האָט זיך פערשאַפט אַ פערד און וואָגען און אַרומגעפאָהרען איבער די דערפער אויפקויפען כלומרשט שמאַטעס. דאָס איז אָבער נאָר געווען למראות עין, ער האָט נישט געמיינט די שמאַטעס נאָר דעם סאַכארין, וועלכען ער פלעגט פערקויפען די פויערים. דאָס געשעפט איז גוט געגאַנגען, ער האָט שוין בעוויזען צו מאַכען אַ גרויס פערמעגען, אָבער אַזוי לאַנג געהט דאָס קריגעל נאָך וואַסער ביז דאָס אויער רייסט זיך אָב.

די גרעניץ-וואַך האָט זיך וועגען דעם אויפּטהו דערוואוסט, אַדורכגעפיהרט אַ רעוויזיע און געפונען צווישען די שמאַטעס אַ גרויסען קוואַנטום סאַכארין. סטודענט איז אַרעסטירט געוואָרען און זיין פערמעגען — קאָנפיסקירט.